# START

# CONTROL TEST TARGET
# for Kodak Quality Monitoring




Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

# YIDDISH DRAMA

# PRESERVATION

# PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1888.17

Eidus, T.
Der nayer id : pyese fun modernes idishn lebn mit gezang un deklamatsye in dray aktn.
Rige, 1938.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1822.17

**Eidus, T.**
Der nayer id : pyese fun modernes idishn lebn mit gezang un deklamatsye in dray aktn. Rige : [s.n.], 1938.
Varying form of title: Najer id.
84 p. ; 20 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Latvia-Riga

ID : NXYH01-B15011 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /8508

Reduction ratio X 10.0

ת. עדות

# דער נייער איד

פיעסע פון מאדערנעם אידישן לעבן
מיט געזאנג און דעקלאמאציע
אין 3 אקטן (6 בילדער)

**T. Eiduss** ● **«Der najer id»** (Jaunais žids) ● Rīgā, 1938. g.
**Izdevniecība. «Logos»** Rīgā, Marijas ielā Nr. 6, tel. 26245.
**Tipogrāfija «Splendid»** Rīgā, Kungu ielā Nr. 21, tel. 27249.

8508/2

2/8508

אָן אַ ספּעציעלער ערלויבניש פון מחבר
איז פאַרבאָטן אויפצופירן די דאָזיקע פּיעסע.
Copyright by the author

ת. עדות.
(ת. דווינסקי)

# דער נייער איד.

פּיעסע פון מאָדערנעם אידישן לעבן מיט געזאַנג און דעקלאַמאַציע
אין 3 אַקטן (6 בילדער).

די פּיעסע איז געשריבן פאַרן אַרטיסט ב ן - צ י ו ן  ו ו י ט ל ע ר און צום
ערשטן מאָל אויפגעפירט דורך אים אין ריגער אידישן מעוטים-טעאַטער אין מאַי 1938.

ריגע, 1938.

T. EIDUS.

**«Der najer id».**

Izdevn. «LOGOS» Rīgā Marijas ielā 6.
Spiest. «Splendid», Rīgā, Kungu ielā 21.

צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פּרעסע אַרכיוו

# פ ע ר ז א נ ע ן :

קלמן בריק — א חסידישער איד, 65 יאָר.

דבורה — זיין פרוי, 60 יאָר.

באָרים — זייער עלטערער זון, 40 יאָר.

פייוול — זייער אינגסטער זון, 23 יאָר.

שייקע — א צייטונגס־פארקויפער, 40 יאָר.

גנענדל — זיין פרוי, 45 יאָר.

ציפקע — זייער טאָכטער, 16 יאָר

בעטי קליאטשקאָ — זשורנאליסטין, 22 יאָר

דרוק — רעדאקטאָר פון „עקספרעס“, 50 יאָר.

קריבער — מיטארבעטער פון „עקספרעס“, 25 יאָר.

ציגעלניק — מיטארבעטער פון „פרימאָרגן“, 22 יאָר.

בראון — א מענעדזשער, 50 יאָר.

מאָד — זיין פרוי, 38 יאָר.

ציגיינערקע.

מכביסטן, מאטראָסן.

אָרט פון דער האנדלונג: איינע פון די נייע מלוכות אין אייראָפּע.

אונזער צייט.

צווישן ערשטן און צווייטן אקט פארלויפן 2 יאָר.

# ערשטער אקט.

א קיך פון אן אָרעמער קעלערשטוב, אין וועלכער ס׳וואוינען צוזאמען די משפחות פון קלמן בריק און שייקע באָקסער. לינקס א טיר אין חדר פון בריק, רעכטס — א טיר אין חדר פון באָקסער. פאָרנט א טיר אין דרויסן. באם אויוון א פענצטער, פון וועלכן מ׳זעט דעם טראָטואר.

ארום אויוון פאָרעט זיך בא די טעפלעך גנענדל. דבורה זיצט אָן א זייט. אפן שוים ליגט בא איר א זאָק מיט שפּולעך. אין האנט האלט זי א בריוו.

ד ב ו ר ה: איצט בין איך שוין אינגאנצן צעדולט און ווייס ניט, צי זאָל איך זיך פרייען, אָדער וויינען.

ג נ ע נ ד ל: וויינען זאָלן אונזערע שונאים די „האנט אין צעמיטן“ צוזאמען מיט אונזער ליבהארציקן אידישן הויזווירט, וואָס ביידע הענט מעגן אים, טאטע זיסער, אָפּדארן, איידער ער ציילט צונויף אונזערע אָרעמע גראָשנס... פ ר י י ע ן דארפט איר זיך, קריין, וואָס דער פעטער נעמט אים צו קיין אמעריקע—דעם תכשיט אייערן.

ד ב ו ר ה: איך איז גרינג צו זאָגן, איך בין דאָך אָבער א מאמע.

(פון דער רעכטער טיר גייט ארויס ציפקע מיט בלעטער אין די הענט. נאָך איר שייקע)

ג נ ע נ ד ל: און איך בין ניט קיין מאמע? הלואי האלט איך שוין אזוי ווייט מיט מיין ציפקעלן, אז אן אמעריקאנער פעטער זאָל איר וועלן אראָפּנעמען קיין אמעריקע.

צ י פ ק ע: פאַר מיר, מאַמינקע, דאַרפסטו נישט זאָרגן. איך וועל מיין ווענטל באַשטיין אַליין. ציימונגס־האַנדל איז אַזאַ געשעפט, באַ וועלכן מ'קאָן זיך גוט אַרופאַרבעטן. דער אַמעריקאַנער מיליאָרדער ראָקפעלער האָט דאָך אויך אָנגעהויבן אַלס ציימונגס־פאַרקויפער.

ש י ק ע: דער קונץ איז נאָר אויסצוקלייבן דעם ריכטיקן קאַרנער, פון וועלכן צו שיסן.

צ י פ ק ע: וואָס אויסקלייבן?

ש י ק ע: דעם קאָרנער, דעם ווינקל ריכטיקן, וואו זיך אויעקצושטעלן (באַוועגט מיט דער פוס, ווי ער וואָלט שיסן די פילקע) ראָקפעלער האָט אויך...

ג נ ע נ ד ל: אַז נישט נאָר אַ ראָק פעלער, נאָר אַפילו אַ האַרץ פעלער מעגסטו שוין שלימזלניק כאַפּן מיט דיינע פוטבאָלן...

צ י פ ק ע: נו, איך לויף...

ש י ק ע: גערייננק־זשע, ציפּקעלע! 100 „עקספּרעסן" 100 „פרימאָרגנס", 100 „באַטאַגס", 25 „לצן", 10 „מכשיפות" און 10 „ספּאָרט־בלעטער"...

צ י פ ק ע: לערן מיך נישט. איך בעט דיר! גרייט מיר בעסער צו דעם פאָרטפעל, אַ נישט ווערן די בלעטער תמיד פאַרנעצט (זי גייט אַפּ אין דרויסן, שיקע קערט זיך אום אין זיין חדר).

ד ב ו ר ה: (ווישט די אויגן).

ג נ ע נ ד ל: וואָס־זשע איז פאָרט דער וויינען?

ד ב ו ר ה: אַז ער איז מיר אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן, פייוועלע. איך ווייס גאָר נישט, ווי איך וועל קאָנען אָן אים דאָ לעבן.

ג נ ע נ ד ל: ווי אַ לאָך אין קאָפּ דאַרפט איר אים דאָ האָבן דעם פוסטאָפּאַשניק. לייענט אָבער אדרבא, וואָס שרייבט ער דאָרטן אייך דער אַמעריקאַנער שוואָגער אייערער...

ד ב ו ר ה (וויקלט אויף דעם בריוו): ער שרייבט, אַז די וויזע ליגט שוין דאָ באַם קאָנסול, און אַז איצט שיקט ער די שיפס־קאַרטע.

(ס'גייט אַרויס פון זיין חדר שייקע מיט אַ גרויסן טאָוול אין דער האַנט, וועלכן ער טראָגט אַף אַ שטריקל, ווי אַ דאַמע איר רידיקיול).

ש י ק ע (צו גנענדלען): דו זעסט! מ'דאַרף מיטגיין מיט דער



מאָדע, די בלעטער ווערן מיר איצט אַרומטראָגן אין דעם פאָרטפעל (גייט אַרום מיטן טאָוול שטאָלצירנדיק).

ד ב ו ר ה (לייענט פון בריוו): הגם... הגם די ביז... בזיונות איצטיקע איז צו דערליידן...

ג נ ע נ ד ל: איר האָט אים דען געשריבן פון די אַלע בזיונות, וואָס איר האָט אויסצושטיין פון פּייווקן?

ש י ק ע: אויסצושטיין פון פּייווקן? וואָס? ספּאָרט איז בזיונות?

ג נ ע נ ד ל: חלילה! דער גרעסטער כבוד! מ'לויפט אַרום ווי באָד־יונגען אין גאַטקעס, מען ברעכט זיך ווי קאָמעדיאַנטשטשיקעס און מען שלאָגט די פילקע מיטן קאָפּ, אַז שלאָגן זאָלסטו זיך שוין טאַטע האַרציקער מיטן קאָפּ אָן וואַנט...

ש י ק ע: מאַך צו דיין טרייפענעם טויער, זאָג איך דיר, אַ נישט שיס איך דיר אַריין אַ גאָל, אַז דו וועסט...

ד ב ו ר ה: הערט שוין אויף, חלשות! העלפט מיר בעסער, שייע, דורכצוקריכן דעם בריוו.

ש י ק ע (קוקט אין בריוו און לאַכט זיך פונאַנדער): נעגראַמאָטנע ווייבער וואָס איר זיינט! פושעריסטקעס נעשטשאַסטנע... נישט בזיונות, נאָר ביזנעס... ס'הייסט — הגם די ביזנעס איצטיקע אין אַמעריקע איז צו דערליידיקן, פונדעסטוועגן...

ד ב ו ר ה: סיידן אַזוי! (לייענט ווייטער) די ביזנעס, וואָס אַזעלכע הלואי אַף די נאַ... אַף די מצות געזאָגט געוואָרן (הויבט אויף דעם קאָפּ) ווי קומען אַהער מצות?

ש י ק ע: וואָס פאַרשטייט איר נישט, אַז ס'הויבט אָן צו פעלן לחמא, נעמט מען זיך צו מצות. ס'הייסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין טענים, שפּילט מען פּינג־פּאָנג...

ג נ ע נ ד ל (דרויט אים מיט אַ טעפּל): באַלד וועסטו דערהערן פון מיר דאַכט זיך אַ קלינג־קלאַנג... אַז דו וועסט אַ צווייטן פאַרזאָגן...

ש י ק ע: שאַ, שאַ! (קוקט אין בריוו) די ביזנעס, וואָס אַזעלכע הלואי אַף די נאַצים געזאָגט געוואָרן... נאַצים, דבורהלע, זיינען נישט קיין מצות, נאָר מכות...

ד ב ו ר ה (לייענט ווייטער): איינגעטלעך טראָג איך זיך שוין לאַנג אַרום מיט דער... מח... מכשיפה מיין ווייב... (הויבט אויף אָן ערשטוינטע דעם קאָפּ).

ש י ק ע (האַלט זיך פאַר די באַקעס קוקנדיק אין בריוו): „טראָג

איך זיך שוין לאנג ארום מיט דער מחשבה... מײַן װײַבס פּלימעניק אַראָפּצונעמען אהער..." מכשפות, דבורה לעבן, זײַנען דערװײַל נים די אמעריקאַנער װײַבער, נאָר אונזערע...

ג נ ע נ ד ל: (כאַפּט דעם קאָכלעפל).

ש ײ ק ע: אהא! זי נעמט שוין די ראַקעטקע! (באַהאַלט זיך הינטער דבורהן) דו װײסט דאָך אָבער גנענדעלע, אז טעניס איז נים מײַן ספּעציאַליטעט!

(מ'קלאַפּט אין טיר)

ד ב ו ר ה: װער שטיפּט עס דאָרטן בײַ דער טיר?

ג נ ע נ ד ל: װער טראַסקעט עס דאָרטן, צו אַלדע שװאַרצע יאָר?

ש ײ ק ע: װאָס זײַנען עס פאַר װײַבער פינצטערע, נים דאָ געדאַכט? װאו זײַנט איר אויפגעװאַקסן, שונא ישראל? אין דאָרף הינטער דער לעזשאַנקע? אין װאַלד? אונטערן פּאָפּעטש? װײַבער אָן א שטיקעלע װאָספּיטאַניע! אָן א שטיקל באָנטאָן און אָבצאָזשדעניע מים מענטשן... (שמײַלט זיך אין א פּאָזע) אַנטרײ!

(ס'קומט אַרײַן קריכער אין א בלאָען זשאַקעט און װײַסע הויזן. פון קעשענע שטעקט בײַ אים א בלאַט. אין האַנט האַלט ער א בלאָקנאָט).

ק ר י כ ע ר: אַנטשולדיקט, ביטע. װאוינט דאָ הער בריק?

ד ב ו ר ה: יאָ, מײַן מאַן.

ק ר י כ ע ר (רעדט אוים דעם „װ", װי א „פ"): כ'האָב דעם כבוד זיך פאָרצושטעלן: מאַקס קריכער — אינטערפיוער...

ד ב ו ר ה: אונ...טער...פי...רער?

ק ר י כ ע ר: כ'מײן, מיטאַרבעטער פון „אידישן עקספּרעס".

ד ב ו ר ה: אידישע עקספּרעסן זײַנען דען שוין אויך דאָ?

ש ײ ק ע: װאָב װײַס זי — א פינצטערע אידענע פון דער װעלט־פּרעסע? פרענט מיך! כ'האָב דעם כבוד: שײַקע באָקסער — דער אומבאַקאַנטער סאָלדאַט פון דער זיבעטער מלוכה — דער פּרעסע. חוץ דעם — אמאַטער פון באָקס, קאָקס, פוטבאָל, װאָליבאָל, בראַסאַי־באַל, טאַלקאַי־באַל, אַטלעטיק, דיאַבעטיק, רעגבי, פּינג־פּאָנג, סינג־סינג, קראָקעט, בריקעט, סקעלעט, טערטל־מערטל, קונקען, לויפן, שװימען, טרינקען, תשליך גײן, אפיקומן־שלינגען... מיט װאָס קאָנען מיר אײַך דינען?



ק ר י כ ע ר: איך װיל האָבן א שמועס מיטן הער (קוקט אין בלאַט) קלמן בריק אין שײַכות מיט דער צװאה פון באַנקיר קליאַטשקאָ...

ד ב ו ר ה: װאָס... פאַר א צװאה?

ש ײ ק ע (רײַסט ארוים פון קריכערס הענט די בלאַט): װאָס צװאה? װער באַנקיר? װאו קליאַטשקאָ? יאָ, גװאַלד דאָס איז דאָך טאַקע ער — קליאַטשקאָ! זײַן „פּאַטרעט"! דער בעסטער פון מײַנע געװעזענע קונדן!.. ער פלעגט דאָך בײַ מיר קויפן 10 בלעטער א טאָג אוראַ! יאָ, ער! קאַפּעניע ער! (פאַרוקט זיך אין א װינקל און לייענט).

(א קלאַפּ אין טיר).

ג נ ע נ ד ל: װאָס איז דאָרטן װידער פאַר אן אָנשיקעניש?

ד ב ו ר ה: נו, קומט שוין אַרײַן! די טיר איז דאָך אָפן!

(ס'קומט אַרײַן ציגעלניק מיט א פאָטאָגראַפישן אפּאַראַט אף דער ברוסט. ער איז אין שװאַרצע הויזן און א װײַסן קיטל).

צ י ג ע ל נ י ק: װאוינט דאָ הער קלמן בריק?

ד ב ו ר ה: אוי װײ! װאָס טוט זיך דאָ! די גאַנצע שטאָט פרעגט זיך נאָך אף אים! קלמן, קלמן! (זי לויפט אװעק צו זיך אין צימער).

צ י ג ע ל נ י ק (דערזעט קריכערן): א, קאָלעגע! איר האָט מיך שוין אריבערגעיאָגט?

ק ר י כ ע ר: װאָס העלפט עס אָבער, אז זײ זײַנען דאָ אלע װילדע בּרואים! קוקן אף מיר װי א האָן אין בני אדם...

ג נ ע נ ד ל: געטראָפן טאַקע! װײל װאו נאָר א פאַרשוין אין װײַסע תחתונים, זוכט ער געװײנלעך מיט אונז אָרעמעלײַט אָפּצושלאָגן כפרות...

צ י ג ע ל נ י ק: איר האָט א טעות, ליבע פרוי, מיר זײַנען פשוט געקומען נאָך אן אינטערװיו.

ג נ ע נ ד ל (בײז): הינטער װיאָ, צי פאָרנט װאָי, אבי דער בײַטש פאַלט תמיד אף דער בידנער קליאַטשע.

צ י ג ע ל נ י ק: אָבער פאַרשטײט מיך, מאַדאַם, איך אַרבעט אין „פרײַמאָרגן".

ג נ ע נ ד ל (לאַכט ביטער): ער אַרבעט פון פרימאָרגן און מיר,

מיינט ער, זיצן דאָ מיט צונויפגעלייגטע הענט ביז באַנאַכט... א יאָ?

(שיקע רייסט זיך אָפּ פון דער צייטונג).

ש י ק ע: א סענסאַציע פון דער ערשטער מדרגה! א צוואה=רעקאָרד, וואָס די וועלט האָט עס נאָך ניט געזען! א שפּרונג פון עוג מלך הבשן איבערן אייפעל=טורעם! (לויפט צו צו קרי=בערן) מאָרגן נעם איך דעם „עקספּרעס" מיט 50 בלעטער מער! (לויפט צו צו ציגעלניקן) דעם „פרימאָרגן" מיט 40 בלעטער מער! (לויפט צו צו גנענדלען) די „מכשפה" מיט... מיט (אונטער איר בליק) ניין, די מכשפה וועל איך מער בכלל ניט נעמען... דבורה! קלמן! זייט וויסן, אז ס'איז מיין אויפטו! מיין עצה! (צו די מיטאַרבעטער) מיין אידיי — איר פאַרשטייט? ס'איז אן עלף=מעטער=שאָס, וואָס וועט דעם נאָמען פון קליאַטשקאָ באַרימט מאַכן איבער דער וועלט! ר' קלמן! (לויפט אַוועק אין קלמנס חדר).

ק ר י ב ע ר (צו גנענדלען): איר לעבט דאָ, ווי איך זע, צוויי פאַמיליעס צוזאַמען, פרוי באָקסער?

ג נ ע נ ד ל: אויב איר וועט מיר טראַקטירן מיט באָקסער, וועל איך אייך ענטפערן מיט א פייג.

צ י ג ע ל נ י ק (קוועטשט מיט די פלייצעס): פאַר... וואָס עפּעס אזא אומחן אף אונז?

ג נ ע נ ד ל: ווייל איך בין פאַר אייך ניט קיין פרוי באָקסער, נאָר מאַדאַם קאַץ.

ק ר י ב ע ר: אָבער דער צייטונגס=פאַרקויפער איז דאָך אייער מאַן.

ג נ ע נ ד ל: יאָ, מיין שלימזלניק.

צ י ג ע ל נ י ק: און ער האָט זיך דאָך אָקאָרשט פאַרגעשטעלט פאַר אונז אלס באָקסער.

ג נ ע נ ד ל: וואָס ער דער משוגענער קאָן אָפּטאָן! דאָס איז זיינס א צונאָמען בא די צייטונגס=פאַרקויפער, ווייל ער איז פאַרקאָכט אין דעם פּילקע=שפּילן, אין באָקסענען, אין כלערליי אנדערע שלעק... איין זאַך ווייס ער נאָר ניט, ווי מפרנס צו זיין די ווייב און טאָכטער... (ווישט די אויגן).

(ס'קומען ארויס שיקע און דבורה. מיטשלעפּנדיק מיט זיך קלמנען, וועלכער האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל ניט גיין).



ק ל מ ן: וואָס פאַר א צוואה? וואָס פאַר א באַנקיר? אז איך זאָל ניט וויסן פון קיין בייז, ווי איך ווייס ניט...

ק ר י ב ע ר: אז איר קאָנט גאָר ניט וויסן, הער בריק, ווייל ערשט נעכטן באַנאַכט האָט מען געעפנט די צוואה...

ק ל מ ן (אויפגערעגט): וואָס מאַכט איר דאָ פאַר לצנות? א צוואה? אָפּגעזאָגט מיר געלט?

צ י ג ע ל נ י ק (צו שיקן): איר האָט אים נאָך ניט איבער=געלייענט די בלאַט? אויפגעקלערט?

ש י ק ע: ער לאָזט זיך רעדן? שיסט איר! מיין פּוס איז צו שוואַך...

ק ל מ ן: קוועלט=זשע ניט! רעדט!

ק ר י ב ע ר: נעכטן באַנאַכט האָט מען בא'ם נאָטאַריוס געעפנט די צוואה פון באַנקיר קליאַטשקאָ און דאָ האָט זיך ארויסגע=וויזן, אז זיין גאַנצן פאַרמעגן פון איבער 100 טויזנט דאָלאַר האָט ער צעטיילט אף 2 חלקים — 50 טויזנט פאַר זיין אלמנה בעטי קליאַטשקאָ און די אנדערע 50 טויזנט, וועלכע ער האָט על פּי יושר געדאַרפט אָפּזאָגן זיין איינציקער טאָכ=טער פון דער ערשטער פרוי מיטן נאָמען אויך בעטי. האָט ער גאָר אָפּגעשריבן...

צ י ג ע ל נ י ק: איר פאַרשטייט? זיין טאָכטער, א בילדשיינע אָבער אביסל עקסטראַוואַגאַנטנע מיידל האָט זיך פאַרנומען מיט א פאַך, וואָס איר פאָטער איז ניט געפעלן געוואָרן — זשור=נאַליסטיק. האָבן זיי זיך צעקריגט און זי איז אוועק פון דער היים...

ק ר י ב ע ר: אמת איז אויך, אז זי האָט ניט געלעבט בשלום מיט דער שטיפמוטער און דאָס האָט דעם אלטן געקרענקט...

צ י ג ע ל נ י ק: הכלל, דער אלטער האָט באַשלאָסן איר צו באַשטראָפן...

ש י ק ע: וואָס דרייט איר זיך, ווי פּושערס ארום דער פּילקע, און קאָנט זיך קיין עצה ניט געבן! א גאַנצן האַוטשאַיים, ווי זיי באַלבעגען וועגן זייטיקע זאַכן און ציען ר' קלמנען די עצמות... דערלאַנגט ענדלעך דעם באַל אין נעץ אריין!

ק ר י ב ע ר: גוט, גוט! דער טאָכטער הייסט עס האָט ער אָפּ=געשריבן ס"ה א פּאַר טויזנט דאָלאַר און די איבעריקע 50

טויזנט האָט ער באַשטימט אָף אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן צוועק.

צ י ג ע ל נ יק: פאַר יענעם היימישן אידן אונזערן, וואָס וועט דורך זיין טעטיקייט אין משך פון די קומענדיקע צוויי יאָר בריינגען דעם אידנטום דעם גרעסטן נוצן...

ק ר י כ ע ר: פאַ־שאַפן זיך דאָ אין לאַנד דעם בעסטן שם...

צ י ג ע ל נ י ק: און דערווערבן זיך בא דער מלוכה דעם שענסטן כבוד...

ש ײ ק ע: ניין, איך האַלט עס ניט אויס! איך נעם זיי אָן פאַר אמתע ספּאָרטלייט און זיי שפּילן זיך דאָ אין הויזן־קנעפּלעך. שיסט ענדלעך אין טויער! זאָגט ר' קלמנען קלאָר, אַז לויט דער צוואה איז ער באַשטימט אין ושורי, וואָס דאַרף באַשליסן, ווער עס וועט זיין דער צוקינפטיקער אידישער טשעמפּיאָן...

ק ל מ ן: ווער ס'וועט זיין דער אידישער... שפּיאָן? איך... איך בין באַשטימט... וואו האָט איר געזאָגט?

ק ר י כ ע ר: אין בית־דין זייט איר באַשטימט לויט קליאַטש־קאָס צוואה... אין בית־דין, וואָס וועט דאַרפן אַרויסטראָגן דעם אורטייל, וועלכער איד ס'איז ראוי צו באַקומען דעם פּריז.

ק ל מ ן: איך?

צ י ג ע ל נ י ק: צוזאַמען מיט נאָך 2 פּערזאָן — דעם היגן ראש־הקהל...

ק ר י כ ע ר: און דרוק — דעם רעדאַקטאָר פון מיין „עקספּרעס“.

ק ל מ ן: א... איך? אַ פּשוטער איד פון אַ גאַנץ יאָר?

צ י ג ע ל נ י ק: דווקא דערפאַר! כדי דער פּסק דין זאָל זיין אַן אמת אומפּאַרטייאישער! דער ראש הקהל אַזוי צו זאָגן אַן אָפיציעלער פאַרטרעטער פון דער געזעלשאַפט...

ק ר י כ ע ר: דער רעדאַקטאָר—אַ ספּעץ אין די אידישע קולטור־ענינים...

ש ײ ק ע: און איר ר' קלמן — דער פאַרטרעטער פון המון, פון די מאַסן, וואָס הגם אָף די מאַטשן שטייען זיי געוויינלעך הינטערן פּאַרקן, אָבער בלויז זיי אַליין האָבן דעם ריכטיקן פאַרשטאַנד אין ספּאָרט! הירדי, ה' קליאַטשקאָ!

ג נ ע נ ד ל (וואַרפט זיך דבורהן אָפן האַלז): מזל טוב! מזל טוב, דבורהלע! אַזאַ גליק! ממש ווי פון הימל אַראָפּ! איז ער



געוועזן ר' קלמנס אַ קרובֿ? און וויפיל מאַכט עס אויס אָף אייער חלק?

ד ב ו ר ה: איר זעט דאָך, אַז איך שטיי אַליין אַ צעטומלטע און וויים ניט, ווער עס האָט מיר באַשלייערט.

ג. נ ע נ ד ל: געדיינקט דבורהלע, אַז אויב איר וועט נעמען אַ נייע דירה, בלייבט אייער חדר פאַר מיר... ציפּקעלע וועט דאָך אי"ה אַמאָל אַ כלה ווערן.

ד ב ו ר ה: ווי דען? פאַר אייך גנענדל, פאַר אייך!

ש ײ ק ע: אָי ווי, די ווייבער מיינען, אַז זיי זיינען שוין אַריין אין פינאַל און געכאַפּט דעם טעלערל פון הימל! נאַרישע אי־דענעס, וואָס איר זיינט...

ד ב ו ר ה: וואָס מישט ער זיך דאָ — דער באָקסער? קלמן, פרעג קלאָר, וויפיל מאַכט עס אויס אָף אונזער חלק?

ק ל מ ן: וו...וואָס רעדסטו?

ד ב ו ר ה: ...און ווען באַקומען מיר דאָס געלט?

ק ל מ ן: שאַ! טומל ניט! ווערליג איך פאַרשטיי, בין איך דאָ באַשטימט נאָר פאַר אַ שופט...

צ י ג ע ל נ י ק: ריכטיק: איר, דער ראש הקהל און דער רע־דאַקטאָר.

ק ל מ ן: ווי... ווי קום איך צו זיי? פאַרוואָס?

ק ר י כ ע ר: ס'איז דאָך גאַנץ פאַרשטענדלעך! קליאַטשקאָ האָט געוואָלט, אַז דער וויכטיקער באַשלוס זאָל אַרויסגעטראָגן ווערן אומפּאַרטייאיש — אין נאָמען פון גאַנצן פאָלק און דעריבער האָט ער באַשטימט אַ דריטן, אַן ערלעכן מענטשן אַזוי צו זאָגן פּשוט פון דער גאַס...

ק ל מ ן: כ'לעבן, אַ טשיקאַווער איינפאַל פון אַ ביליאָנער.

ש ײ ק ע: אָט דאָס איז דער אמתער ספּאָרטסמען!

ק ל מ ן: ווי קומט ער אָבער צו מיר? ווי האָט ער געוואוסט מיין נאָמען?

ש ײ ק ע: אָט דאָס טענה איך דאָך, אַז ס'איז מיין קאָפּ! מיין עצה...

צ י ג ע ל נ י ק: אייער קאָפּ? וואָס מיינט איר?

ק ר י כ ע ר: אייער עצה? אדרבא!

נענדל: נו, נו, ווי איך זע דבורהלע, וועלן מיר שוין ביידע פון דער גאנצער מעשה קיין ווארעמעס ניט פארקאכן.

דבורה: טפו צו זייערע אלעמעס פוסטע קעפ! (ביידע ווייבער אפ).

שייקע: אאוט! אראפ פון פעלד! איר פארשטייט? איך פלעג דאך אריינטראגן אלע טאג די בלעטער צו קליאטשקא. האט ער מיך געקאנט. איינמאל — דאס איז געווען אן ערך א האלב יאר צוריק, רופט ער מיך אריין צו זיך אין קאבינעט און בעט מיך זיצן. ער פון איין זייט פון גרויסן שרייבטיש, איך פון אנדער זייט און צווישן אונז א וואנט... מיט טינטערס, טעלעפאנען...

קריכער: הכלל?

שייקע: ווי באם אמתן פינג־פאנג, להבדיל. „הער", זאגט ער צו מיר, „באקסער, רוף מיר אן עפעס אן אנשטענדיקן עלטערן אידן פון די ארעמע גאסן, אזא אידן, וואס מ'זאל זיך מיט אים ניט דארפן שעמען". נו, דארף איך לאנג טראכטן? זאג איך אים, אז מיין מיטלאקאטאר קלמן בריק איז אזא מענטש, וואס מ'מעג אים אפילו אנפארטרויען די ריכטערשאפט אף א וועלט־מאטש. פרעגט ער זיין אדרעס. זאג איך אים. נו, היינט האט מיר געקאנט איינפאלן, צו וואס דער קליאטשקא האט עס באדארפט?

ציגעלניק (נאטירט אין בלאקנאט): העכסט אינטערעסאנט!

קריכער (נאטירט): טשיקאווע, כ'לעבן.

שייקע: כ'מיין! (הויבט זיי אפ אן א זייט): 3 גראשן פאר א שורה, רעכן איך, וועט ניט זיין פאר אייך טייער?

קריכער (דערלאנגט אים א מטבע): דאס איז פון אונז ביידן...

שייקע: א שיינעם דאנק!

ציגעלניק: אלזא, ה' בריק!

קלמן (פארטיפט אין דער בלאט, וועלכע ער האט דערווייל געלייענט): הא? וואס?

קריכער: מיר זיינען דאך געקומען אהער ניט כדי אייך צו דערציילן די גאנצע מעשה...

ציגעלניק: נאר כדי צו אינטערוויואירן.

קלמן: וואס? אינ—טער—ווע—נירן...

שייקע: א טאפ טאן דעם דופק...



ציגעלניק: קודם כל אבער וועל איך אייך פאטאגראפירן. (שטעלט אוועק קלמנען און צילעוועט אן דעם אפאראט).

שייקע: האלט! אפסעט! זאל ער נעמען אין האנט זיין גמרא! (דערלאנגט קלמנען די גמרא) אט אזוי! הויבט אוף דעם קאפ! (קעמט אים צו די האר מיט די פינגער) שנייצט אויס די נאז! (נעמט דעם „פארטפעל" פאר די ציישונגען און שטעלט זיך לעבן קלמנען) פליי!

ציגעלניק: ניין, ר' באקסער, אים אליין!

שייקע: וואס הייסט אים אליין? און וואו בין איך—זיין טרעניאר? ווען ניט מיין עצה...

קריכער (לאכט): קניפס זיי ביידן, א דאגה דיר!

ציגעלניק: זאל זיין אזוי! (ס'פלאקערט אוף דער מאגני, און אין זעלביקן מאמענט דערהערט זיך א טרומייטאר פון אוטא־מאביל־הארן. גלייכצייטיק לויפן אריין פון אנטקעגנגעזעצטע טירן ביידע ווייבער).

גנענדל: א שריפה, א בראך צו מיר!

דבורה: ווער טרובעט עס דארטן?

בעטי קליאטשקא (לאזט זיך אריין ווי א שטורם): אהא! זיי זיינען שוין דא! (באגריסט זיך מיט קריכערן און ציגעלניק) שלום! (צו די איבעריקע) גוט־מארגן! (דערלאנגט קלמנען א וויזיטן־קארטע): בעטי קליאטשקא, מיטארבעטערין און פארטרע־טערין פון פראנצויזיש־ענגליש־אמעריקאנער פרעסע־קאנצערן „פע־קא־צע" און קארעספאנדענטין פון דער אידישער טעלעגראפן אגענטור... איך נעם אן, אז מיין פאטערס צוואה, כ'מיין דעם באנקיר קליאטשקאס צוואה איז אייך פון די ציישונגען שוין באקאנט. איך וויל האבן א קורצן אינטערוויו. איער אני מאמין? אגודיסט? ציוניסט? סאציאליסט? קאמוניסט? רעוויזיאניסט? פאל־קיסט?

קלמן (שטאמלט): וו...וואס ווילט איר? א איד פון א גאנץ יאר. (בעטי, קריכער און ציגעלניק נאטירן אין זייערע בלאקנאטן).

בעטי: אויסגעצייכנט געזאגט — א איד פון א גאנץ יאר... פאר אדער קעגן?

קלמן: פאר... וואס?

בעטי: כ'מיין: יא אדער ניין?

קלמן: יאָ, ניין... ניין... וואָס מיינט איר?

בעטי: וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין? יאָ מײלן פּאַלעסטינע אָדער ניט? ווייצמאַן אָדער זשאַבאָטינסקי — דאָס איז די פראַגע.

קלמן: פרעגט מיר גרינגערע זאַכן... ווייצמאַן איז אַ איד און זשאַבאָטינסקי איז אַ איד. שניים אוחזין בטלית...

בעטי: אויסגעצייכנט! אַ טיפער געדאַנק! (שרייבט, לייענענדיק פאַר זיך) אַ קעלערשטוב. זייער אָרעם. אַ יאָר 50. חסידיש געקליידעט (שרייבט אַ לענגערע צייט).

שיקע: אַי ווײ, כ׳וועל עס ניט אויסהאַלטן! דאָס איז דאָך קליאַטשקאָס מאַכטער אַליין...

דבורה: גאָט אין הימל! (ווישט אַ שטול).

קריכער: יאָ, אונזער קאָלעגין.

בעטי (רעדט דעריווײל מיט קלמנען)

גנענדל: אַ בראָך צו מיר! וואָס פאַר אַ בורליאַנט אין אויער!

שיקע: נאָך אַ בראָך צו דיר! אין צווייטן אויער אויך אַ בריליאַנט! גיי־גיי, גריט עפּעס צו, באַלד וועט קומען ציפּקע אַ הונגעריקע (גנענדל אָפּ).

ציגעלניק (צו קריכערן): נו, פאַר מיר איז גענוג. דו גייסט?

קריכער: יאָ! גענוג! דאָס איבעריקע פאַר דער צייטונג וועל איך שוין צעשמירן אַליין (געזעגענען זיך)...

שיקע (רופט זיי אָפּ אָן אַ זייט): און ווער וועט מיר משלם זיין פאַר מיין ציפּערבלאַט?

קריכער: פאַר וואָס?

שיקע: פאַר מיין פּאַטרעט אין אייער בלאַט?

קריכער (מאַכט מיט דער האַנט. גייט אָפּ מיט ציגעלניקן)

דבורה (טראָגט אונטער בעטי אַ שטול. זי זעצט זיך).

בעטי: אַ דאַנק! (האַלט אין שרייבן צו קלמנען) וויפיל קינדער האָט איר? אַ בעלזער? אַ ליובאַוויטשער? אַ גערער? (ווייזט אויף דבורהן) די ערשטע ווײב אייערע? די לעצטע? שוין געשטאַנען צום פּריזיוו? געבאָרן? געמאָלט?

קלמן (צעטומלט): ניין!

בעטי (שרייבט): נאָך... ניט געמאָלט. (שטורמיש) אייער קוק אָפן אויסגאַנג פון שפּאַנישן בירגער־קריג?



קלמן: שפּאַניש... קריגל... ביר... ניין, כ׳טרינק ניט. זי דבורה מיין אלמנה... יאָ...

דבורה: טפו, צו זיין קאָפּ! רוט זיך פריילן אָפּ אַביסעלע. ער האָט צייט, מיין מאַן. שוין לאַנג ווי אייער פאָטער איז געשטאָרבן?

בעטי: 2 חדשים. וואָס האַלט איר פון עלקערבונד? קאָלעקטיווע זיכערונג אָדער רעגיאָנאַלע פּאַקטן?...

קלמן (שטאַמלט): זיכער... פעלקערבונד... אַלט... שוין צייט פּאַקן די פעקלעך...

בעטי: אויסגעצייכנט געענטפערט!

דבורה: און אייער מוטער?

בעטי: מיין מוטער האָב איך אפילו ניט געקאָנט. ערצויגן זיך בײַ אַ שטיפמאַמען.

דבורה: אָרעמע יתומהלע, (גלעט איר) אָן אַ מוטערס לאַסקע און בײַ אַ גרויזאַמען פאָטער... אַזאַ אכזר, וואָס ער האָט אייך איבערגעלאָזן אַף הפקר (ווישט די טרערן).

בעטי: ניט דאָס איז די עוולה, וואָס ער האָט מיר ניט איבערגעלאָזן קיין ירושה — איך וועל שוין ווי ניט איז זיך דורכשלאָגן אין לעבן אַליין — נאָר דאָס וואָס ער האָט אַזוי פיל געלט איבערגעלאָזן איר — דער פּוסטער פרוי, אָט אַזוי דיק, ווי אַ...

שיקע: פּוטבאָלפילקע...

בעטי: כאַ... כאַ... און געשטופּלט ווי אַ...

שיקע: טענים־נעץ...

בעטי (צו קלמנען): וואָס האַלט איר פון דער קליינער אַנטאַנטע? אַ טעם אין גרעטאַ גאַרבאָ?

קלמן (דערשראָקן ביז גאָר): אַ טעם אין גרעטע? ארבעה?

בעטי (שרייבט): וועלכער געזעלשאַפטלעכער עסקן, האַלט איר, איז מער ראוי צו באַקומען דעם פּריז? אַ פּאָליטיקער? קולטור־טוער? פילאַנטראָפּ? וויסנשאַפטס־מאַן?

שיקע: פרעגט אים — אפשר אַ ספּאָרטלער?

בעטי: טאַקע יאָ! וואָס האַלט איר פון ספּאָרט?

קלמן: ניין, ניין, קיין חוזק וועל איך פון זיך ניט לאָזן מאַכן! (לויפט אַוועק).

**בעטי** (פארוואונדערט): מיט וואס האב איך אים דען באליידיקט?

**שייקע**: איר האט אים דערלאנגט דעם ריכטיקן נאקשוט! ספארט איז בא אים טריף ווי חזיר.

**בעטי**: אבער איך מוז תיכף איבערגעבן מיין אינטערוויו. וואו איז דא בא אייך דער טעלעפאן?

**שייקע** (ווייזט אף דער הילצערנער וואלץ-מעסטל, וואס הייננט אף דער וואנט): בימיע!

**בעטי**: אך אנטשולדיקט! אויב אזוי וועל איך אייך, ליבע מאדאם, בעטן איר זאלט מיר ערלויבן אפצושיקן מיין אינטערוויו מיט אייער שטוב-מיידל.

**דבורה**: מיין שטובמיידל?

**בעטי**: איך מיין — אייער דינסט.

**דבורה** גאט איז מיט אייך? וואו האבן מיר דען א דינסט?

**שייקע**: וואס הייסט — מיר האבן נים קיין דינסט? גנענדל! תיכף אהער!

**גנענדל** (קומט ארוים): וואס שרייסטו, משוגהנער?

**בעטי**: ניין, ניין. אייער פרוי וויל איך נים באמיען. איך וועל שוין אליין אפפירן מיין מאטעריאל. אי, וועט עס זיין א סענסאציע!

**שייקע**: און א רעקלאמע פאר אונז—די ציימונגס-פארקויפער!

**בעטי**: ריכטיק! סענסאציע...

**שייקע**: ...און ציימונגס-רעקלאמע...

**ביידע צוזאמען**: רעגירן איצט מיט דער וועלט!

(זינגען א דועט)

**בעטי**:

נימא קיין איד, וואס זאל ענטפערן קלאר—איך וועט—
וואס עס טוט איצט די ציוניסטישע ארגאניזאציע.
אבער וועלכער פילם-סטאר האט זיך היי-יאר געגט,
דאס ווים א יעדער — סענסאציע!

**שייקע**:

געגנו לייגן אייער, ענטלעך אויך—מ'דארף עס נים פארגעסן —
אבער וועלכע אייער ווערן הויפטזעכלעך געגעסן?

---

תיקון טעות: אף דער זיים 15 דארף זיך די 26-טע שורה לייענען אזוי: „האט איר א טעם אין פילם? אין גרעטע גארבא, למשל?"



הינערשע! וויל ווי נאר אויסגעליינט אן איי — אי מאמע!
הויבט די הון אן צו קוואקענען — רעקלאמע!

**רעפריין**:

רעקלאמע און סענסאציע — דאס זיינען אקסן צוויי,
וואס אונזער וועלטל מיאוסע — זי דרייט זיך ארום זיי.
סענסאציע — דארט, רעקלאמע דא,
און זיי איז קיין ערפאלג נימא,
זיי גיבן צו געשמאק און חן,
ווי פעפער, צימרינג, זענעפט, כריין,
ווי צו א פסח-קניידל—שמאלץ,
ווי צו א פוטער-ברויטל—זאלץ,
ווי צו א בארשטש — א הארטע איי,
ווי צוקער — צו א גלעזל טיי,
ווי בראנפן — צו געפילטע פיש,
ווי ליכט צום שבתדיקן טיש!

**בעטי**:

אדרבא, ווער ווייס פון אייך — זאגט אפענהערציק —
ווער עס איז געווען דער פאטער פון אוויאציע?
אבער ווי הייסט די ווייבל פון ווינדזארשן הערצאג,
ווייס קינד און קייט — סענסאציע!

**שייקע**:

א סך שונא ישראל האבן געזוכט אונז צו צערייסן ווי א הערינג:
בלעם און טיטוס הרשע, פורישקעוויטש און גערינג.
פאר-וואס אבער איז המן פון זיי דער פאפולערסטער סאמע?
וויל ארום אים ארבעט דער גראגער — רעקלאמע!

**רעפריין**:

רעקלאמע און סענסאציע — א. א. וו.

**בעטי**:

אז איטשע דער שמש האט עלף טעכטער קיין עין-הרע,
ווייסט איר אווראי,
פונדעסטוועגן מאכט ער דערפון נים קיין שום ספעקולאציע,
אבער טאמער האט א גויע געהאט א פינפלינג אין קאנאדע,
גייט ארום דעם כאראם די וועלט—סענסאציע!

ש ײ ק ע:
ייִניק צדקה האָט געגעבן ראָטשילד אָדער באַראָן הירש—אַהאַ!
פונדעסטוועגן רעדט די שטאָט נאָר פון קליאַטשקאַ!
פאַר וואָס? פאַר ווען? איר כאַפּט זיך שוין מסתמא!
ווײַל זי, בעטי, פּויקט אין די בלעטער — רעקלאַמע?
ר ע פ ר ײ ן:
רעקלאַמע און סענסאַציע—דאָס זײַנען אַקסן צווײ א.א.וו.

ב ע ט י: און איצט מוז איך לויפן! אַביסעלע שפּעטער וועל איך נאָך אַרײַנשפּרינגען אַפּציפאָטאָגראַפירן דעם ה׳ בריק. (גייט אָפּ. אַרויסגײַענדיק שטויסט זי זיך אָן אָף באָרים בריק און באַגריסט זיך מיט אים צערעמאָניש. שײקע קוקט אין פענצטער ווי זי פאָרט אָפּ).

ד ב ו ר ה (וואַרפט זיך דעם זון אָפן האַלז)! בערעלע. ביסט גע־וואָרן בײַ אונז אַזאַ װעלטענער גאַסט.

ב אָ ר י ם (נערוויז): ווער איז געווען די דאַמע?

ד ב ו ר ה: אַ מײדל פון די בלעטער.

ב אָ ר י ם: אַ זשורנאַליסטין?

ש ײ ק ע: באַנקיר קליאַטשקאָס טאָכטער.

ב אָ ר י ם: ס׳קאָן ניט זײַן... נײן, נײן...

ד ב ו ר ה: וואָס הײסט נײן? זי האָט דאָך אָקאָרשט גערעדט מיטן טאַטן.

ב אָ ר י ם: שוין גערעדט מיטן טאַטן? גוואַלד! אָפּגעקווילעט מיך אָן אַ מעסער! רואינירט, צעטראָטן מיט די פיס...

ד ב ו ר ה: וואָס איז מיט דיר, בערעלע, וואָס רעדסטו?

ב אָ ר י ם: אָף אײביק צעבראָכן מײַן קאַריערע, אַלע האָפענונגען מײַנע באַגראָבן אין דרערד.

ש ײ ק ע: זי וועט אונז נאָך באַלד קומען פאָטאָגראַפירן אויך...

ב אָ ר י ם (פּײַן צו שײקן): אפשר קאָן איך אַמאָל איבעררײַדן מיט מײַנע עלטערן אָן דער אָנוועזנהײט פון דער „פרעסע"? האָ?

ד ב ו ר ה: טאַקע, טאַקע, ר׳ שײַע, לאָזט אונז מיט בערלען אַלײן.

ש ײ ק ע: וואָס? איך זאָל פאַרלאָזן דאָס פעלד? דאָס הײסט בײַ איך, דבורהלע, משפּטן אומפּאַרטײאיש? (באַגעגנט זיך מיטן בײַזן בליק פון באָריסן) גוט! איך גײ! אָבער איך וועל אָנגעבן אין דער פוטבאָל־ליגע אַ פּראָטעסט — איר הערט? מיך — דעם



אַמאַטער פון באָקס, קאָקס, פוטבאָל, וואָלײבאָל, בראָסאי־באָל, קראָקעט, בריקעט, קונקען, פינג־פאָנג, סינג־סינג (אָפּ צו זיך אין חדר).

ב אָ ר י ם (לויפט איבערן צימער): באַשערט מיר געבאָרן צו ווערן אין אַ „בארימטער" פאַמיליע. פון אײן זײַט אַ בראַטאַק — אַ ספּאָרטסמען, וואָס מיט אים זײַנען פול די בלעטער, און איצט נאָ דיר גאָר אַ טאַטן — אַ סענ—סאַ—צי—אָנעלן... אָ, גאָט! וואו איז דער גזלן מײַנער? וואו איז ער?

ד ב ו ר ה: ווער?

ב אָ ר י ם (שרײַט): דער טאַטע — דער העלד פון די הײַנטיקע בלעטער! (טרײסלט מיט אַ פּאַק צײַטונגען).

(עס קומט אַרויס קלמן)

ק ל מ ן: דו, בערעלע? ביסט עפּעס צעטראָגן מײַן זון...

ב אָ ר י ם: ער פרעגט נאָך! ע ר כאַפּט מיך אין מיטן העלן טאָג, לײדיקט מיר אויס די קעשענע און פרעגט, פאַרוואָס איך בין צעטראָגן!

ד ב ו ר ה: קינד מײנס, דו שרעקסט מיך. וואָס איז געשען?

ק ל מ ן: א י ך — אויסגעלײדיקט די קעשענעס? וואָס? ווער?

ב אָ ר י ם: אָט דאָס וואָס דו הערסט? די הײַנטיקע סענסאַציע וועגן דיר אין די בלעטער וועט מיר קאָסטן 50 טויזנט דאָ־לאַר, דו פאַרשטײסט?

ק ל מ ן: רײד ווי אַ מענטש, אָדער איך גײ אַוועק...

ב אָ ר י ם: מײַן גאַנצע יוגנט בין איך אָפּגעזעסן בײַ די ביכער, געגעבן לעקציעס, כדי זיך אויסצוהאַלטן. ענדלעך זיך דערשלאָגן צו אַדוואָקאַטור, דערוואָרבן זיך דעם בעסטן שם, געמאַכט אַ שטיקל קאַריערע...

ד ב ו ר ה: קינד מײנס, גאַנץ שטאָט קלינגט דאָך מיט דײַן גוטן נאָמען.

ב אָ ר י ם: אַפי דו ווײסט... געהאָפט צו טאָן אַ אָנשטענדיקן שידוך, מיט געלט...

ד ב ו ר ה: אַלע גבירישע מײדלעך נעמען דאָך אײן אַ כפּרה פאַר דיר...

ב אָ ר י ם: און ענדלעך, ענדלעך זיך דערשלאָגן צו מײַן ציל...

ק ל מ ן. אדרבא! ווער?

ד ב ו ר ה (פאַלט אים אפֿן האַלז): מזל טוב, קינד מײַנס...

ב אָ ר י ס (שטויסט איר אָפּ): צו פֿרי, מאַמע!

ד ב ו ר ה: וואָס הייסט?

ב אָ ר י ס: ס'הייסט, אַז די אַלמנה קליאַטשקאָ, וועלכע האָט מיר שוין געהאַט געגעבן איר וואָרט...

ד ב ו ר ה: גאָט מײַנער! די אַלמנה מיט די 50 טויזנט דאָלאַר?

ב אָ ר י ס: 100 טויזנט האָט עס געדאַרפֿט זײַן, דו פֿאַרשטייסט, ווען ניט די משונהדיקע צוואה פֿון אַלטן עובר בטל...

ק ל מ ן: און אַז 50 טויזנט?.. אויך אַ גאַנץ שיינער נדן...

ב אָ ר י ס: אָבער ווען אויך ד אָ ס איז איצט צערונען? פֿאַרבראַנט? און ווער? דער אייגענער טאַטע!

ק ל מ ן: גאָט איז מיט דיר! א י ך?

ב אָ ר י ס: ווער דען—א י ך? די 50 טויזנט דאָלאַר, וואָס זײַנען באַשטימט געוואָרן אַלס פּריז פֿאַר עפּעס אַ צוקינפֿטיקן שאַרלאַטאַן, זײַנען דאָך אַוועקגערויבט געוואָרן פֿון א י ר — דער אַלמנה, פֿון מ י ר — איר צוקינפֿטיקן מאַן!..

ד ב ו ר ה: ניין! פֿון דער אומשולדיקער טאָכטער דעם באַנקירס זײַנען זיי אַוועקגערויבט געוואָרן.

ק ל מ ן: געוויס. על פּי יושר איז עס דאָך א י ר חלק ירושה...

ב אָ ר י ס: אַך, לאָז צורו מיט דער עקסטראַוואַגאַנטער זשורנאַליסטקע, פּונקט אַזאַ שלעפּערקע, ווי דײַן בענאַק — דער ספּאָרטסמען... דער באַנקיר האָט א י ר פֿײַנט געהאַט און איר מאַמען — די ערשטע ווײַב זײַנע. די פּאָר טויזנט דאָלאַר, וואָס ער האָט איר אָפּגעזאָגט, זײַנען פֿאַר איר איבערגענוג! אָבער גזלן—די צווייטע 50 טויזנט... דו פֿאַרשטייסט?

ק ל מ ן: וו... וואָס רעדט ער — שונא ישׂראל? סײַדן פֿון היינט! דאָס געלט איז דאָך ניט אָפּגעזאָגט פֿאַר מיר...

ב אָ ר י ס: דאָס האָט נאָך געפֿעלט! אָבער דו ביסט דאָך אַדײַן אין זשורי! די מאַדאַם קליאַטשקאָ ברענט און בראָט שוין אַזוי אויך צוליב דאָס פֿאַרלאָרענע געלט און איצט ווען זי וועט וויסן, אַז דו מײַן טאַטע ביסט באַשטימט אין זשורי, וועט זי זיכער אַזוי אויפֿגערעקט ווערן, אַז איין גאָט ווייס, צי וועט זי ניט חרטה האָבן אַפֿן שידוך...

ד ב ו ר ה: ניין, ניין, מײַן קינד! זי איז דאָך געוויס אַ קלוגע



פֿרוי (וואַרפֿט אַ בליק אין פֿענצטער) אָי, אָט גייט ער, פֿײַוועלע. זײַנע אויגן שײַנען, ווי די ליכטיקע זון! משמעות, באַקומען שוין די וויזע.

ב אָ ר י ס: איך בעט אײַך, מאַמע, טאַטע! קיין וואָרט זאָל ער ניט וויסן פֿון מײַן שידוך. דער ענין איז נאָך ווייט ניט פֿאַרטיק, ווי איר זעט...

ק ל מ ן: גוט! דו הערסט, דבורה פּתח שין — שאַ!

(עס לויפֿט אַרײַן פֿײַוול אין אַ טשיקאַווער אוניפֿאָרם פֿון אַ סקאַוט. אין בײדע הענט האַלט ער דאָקומענטן).

פֿ ײַ וו ל (צו דער מאַמען): אָט זײַנען זיי — דער פּאַס מיט דער וויזע און דאָ די שיפֿסקאַרטע.

ד ב ו ר ה (פֿאַלט אים אין די אָרעמס): פֿײַוועלע!

פֿ ײַ וו ל (גערירט): מאַמינקע! אָבער ניט וויינען! פֿרייען דאַרפֿן מיר זיך! לאַכן! כאַ... כאַ... כאַ! אָט אַזוי ווי זיי האָבן אָקאָרשט געלאַכט אין קאָנסולאַט—די סעקרעטאַרין, קאַנצעליאַריסטן, און דער קאָנסול אַליין. „איר האָט מזל" — האָט דער קאָנסול מיר געזאָגט — „איר זײַנט דער איינציקער, פֿאַר וועלכן עס האָבן זיך הײַנטיקע וואָך געעפֿנט די טויערן פֿון אַמעריקע". „ס'איז ניט מזל, הער קאָנסול" —- האָב איך אים געענטפֿערט — „ס'איז די הויכע ספּאָרט-קונסט, וואָס העלפֿט מיר דורכצוברעכן אַלע טויערן". „איר זײַט אַ פֿוטבאָליסט?" — פֿרעגט ער מיך? „אַ באָקסער און פֿוטבאָליסט" — זאָג איך. „איך אויך דאָס זעלבע"—מאַכט דער קאָנסול — „הויפּטזעכלעך אָבער אַ גאָלקיפּער". „עס פֿרייט מיך צו הערן" — ענטפֿער איך אים — „אָבער דאָס, וואָס איך האָב אָקאָרשט באַקומען פֿון אײַך די וויזע, באַווײַזט, ה' קאָנסול, אַז איך בין אַ בעסערער שטורמער, ווי איר אַ טויערוועכטער!" נו, נו, האָט ער זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט... אָט אַזוי — כאָ, כאָ, כאָ! און אַלע קאַנצעליאַריסטן נאָך אים און נאָך זיי איך און דערנאָך האָט ער מיר — דער קאָנסול — געדריקט די האַנט און מיר האָבן געפּלאַפּלט אַביסעלע אַף ענגליש און ער האָט מיר געזאָגט: „מײַן ליבער באָי, איך ווינטש אײַך, אַז איר זאָלט אויך להבא ברעכן אַלע טויערן, אָט ווי איצט דעם געשלאָסענעם אַמעריקאַנער" און ער האָט מיר געגעבן אַן עמפּײלונג צום טשיקאַ=

נער באַקסער־קלוב און... (דערזעט אין ווייטן ווינקל באַריסן): באַריס! דו! געקומען זיך געזעגענען אוראי! עס פרייט מיך זייער! אָבער... וואָס שטייט איר ביידע אַזוינע פאַרמרה־שחורהטע! (איראָניש) פאַרקלעמט די האַרץ, וואָס איר דאַרפט זיך שיידן מיט אַזאַ געליבטן בראַטאַק און בענאַק...

קלמן: אַ בן סורר ומורה...

פייוול: טאַטע!

באָריס: וואָס טאַטע! קוקט אים נאָר אָן! אַף דעם מאַסקאַראַד זיינעם. עס פעלט אים נאָר אַ טיגער־פעל אַף די פּלייצעס, ווי בײַ קינען.

פייוול: און דו, פאַרשטייט זיך, דער איידעלער הבל!

קלמן: און אַז ניט קין, אַז עשו — איז שוין בעסער! לויפט אַרום אַ גלוי ראש איבער די גאַסן, אָפּגעבערנט ווי אַ טאַטער...

דבורה (טולעט זיך צו פייוולען): וואָס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אַפן קינד! וואָס האָט ער אייך געטאָן!

פייוול: טאַקע וואָס! וואָס האָב איך אייך געטאָן! פאַר וואָס אַזאַ שנאה אומזיסטע! האָב איך זיך אפשר שלעכט אויפגעפירט לגבי אייך! קאָמפּראָמעטירט מיט עפּעס? דוכט זיך אָפּגעפינצטערט לויט דיין טאַטעס ווילן נענוג לאַנג אין דער ישיבה...

קלמן: אָפּגעפינצטערט!

פייוול. זאָל זיין — אָפּגעלערנט... מיט איינענע כחות זיך דערוואָרבן די מאַטורע...

באָריס: אַ שיינעם דאַנק דיר!

פייוול: ערלעך אָפּגעדינט אין מיליטער...

קלמן: פאַר מיר — אַיאָ!

פייוול: גוט — פאַר דער מלוכה... אלא וואָס דען! צוגעלאָזן זיך מיט החמדה צו ספּאָרט... איז דאָס דאָך ניט קיין שמד חלילה!

קלמן: ערגער! אין גאָטס דרכים גייט מען ניט מיט נאַקעטע רגלים און ניט מיט קיין פילקע דינט מען דעם בורא.

באָריס: אָבער לאָמיר אפילו דאָס אַלץ אַוועקליינן אָן אַ זייט און ריידן נאָר פון תכלית. אַ תכלית דאַרף מען דאָך זוכן אין לעבן!

פייוול: וואָס איז היינט צו טאָג אַ תכלית! אפשר אַ יוריסט!



דבורה: וואָסיז בערעלע פאַרדינט אפשר ווייניק!

פייוול: איך בין ניט בערעלע, מאַמע! גאָט האָט מיך ניט געבענטשט מיט אַ נשמה פון... מינט, אַ שאַרבן פון... אַן אויסגעטריקנטן פאַרמעט... מיט הענט פון אַ מעבל־ליציטאַטאָר (טרייסלט אַף די הענט) און אַ צונג פון... בלעמ'ען.

באַריס: דערפאַר אָבער מיט אַ קופּערנעם שטערן! (שלאָגט מיט די פינגער אַפן שטערן).

פייוול: יאָ, מיט אַ שטערן, וואָס איז מסוגל אָפּצושלאָגן און טאַקע פיזיש אָפּצושלאָגן יעדן בייזן גאַל, וואָס די אידישע שונאים צילעווען אין אונזער טויער.

שייקע (וועלכער איז געשטאַנען די גאַנצע צייט מיטן קאָפּ אַרויסגעשטעקט פון זיין טיר): בראַוואָ, קאַפּיטאַן!

באָריס: אָט האָסטו אים דיין מליץ יושר! וואָס האָט דאָ דער פרעמדער נפש צו טאָן אין אונזער משפּחה!

שייקע (לויפט אַרוים): אַ פרעמדער זיינט איר דאָ, פּאַניע אַדוואָקאַט. הגם עס זיינען אייערע עלטערן. מיר אַלע זיינען דאָ פון איין קאָמאַנדאַ... יאָ... יאָ... אפילו אייער פרומער טאַטע, ווייל מיר עסן אַלע דאָ פון איין אויוון, שלאָפן אונטער איין דאַך און טראָגן אַלע איין פאַרב — די שוואַרצע פאַרב פון נויט און דחקות. די פאַרב פון וועלטלעכער קאָמאַנדע האַרעפּאַשניקעס! פאַרשטאַנען, פּאַניע אַדוואָקאַט! (אַנטלויפט צוריק צו זיך אין צימער).

קלמן (מאַרשירט אַן אויפגערעגטער): ניין, ניין, אַ אידישער שטערן איז באַשאַפן ניט אַף צו שלאָגן זיך מיט אים! חיות — אָט ווער עס טראָגן הערנער אַפן שטערן, כדי צו מזיקן מיט זיי, אָבער די שיינקייט און שטאָלץ פון אַ אידישן שטערן איז דער טיפער קנייטש אַף אים, דער קנייטש פון תורה, בינה, חכמה...

פייוול: טאַטע, אָט דאָ ליגט טאַקע דער טיפער תהום צווישן אונז ביידן, ווייל איך... איך וואָלט זיך געפילט גליקלעך, ווען מיר וואָלט געלינגען אַמאָל אָט דעם אידישן קנייטש אַפן שטערן אינגאַנצן אויסצוגלעטן, אויסליטערן דעם פאַרפינצטערטן אידישן פנים, באַוואָרענען אים מיט אַ שאַרפן אַקטיוון כלי זין...

באַריס: איז דאָך דער טאַטע גערעכט — הערנער פון חיות...

פ ײ ו ל: שרעק מיך נישט! בעסער שוין הערנער, אײדער קנײטשן בעסער קאָפּיטעס, אײדער גנעטאָ-פאַנטאָפּל...

בּ אָ ר י ס: פאַר הערנער און קאָפּיטעס באַדאַרפסטו דאָך נישט קײן אידן! נעם א באָק...

פ ײ ו ל: אָ, הלוואי וואָלטן טאַקע געווען צווישן אונז מער בעק... קאָמפּלוסטיקע...

ש ײ ק ע (לויפט אַרום).: און הירשן... (מאַכט די באַוועגונג פון לויפן).

פ ײ ו ל: ...און שײנע, שטאָלצע הירשן, און קרעפטיקע אָקסן סײ פאַרן שפּאַן, סײ פאַר קאַמף...

בּ אָ ר י ם (איראָניש): און ווילדע אײנהאָריקע חזירים...

ש ײ ק ע: ...יוריסטן...

בּ אָ ר י ס: זײ געזונט, מאַמע, זײ געזונט מאַמע! אײער נאָבעלע ספּאָרט-קאָמאַנדאָ איז לײדער נישט פאַר מיר! (אַנטלויפט).

ד ב ו ר ה (בײז צו קלמנען): אז איך וויל נישט דײנע „מיטינגן" מיט „די סקוסיעס" מיט די קריגעניש, וואָס צעטרײבן מיר די קינדער פונדערהײם... נײן, דו ווײסט, פײוועלע, אַזוי גיך נישט פאַרן, דו ווײסט פאַרבלײבן נאָך עטלעכע וואָכן מיט אונז.

ק ל מ ן: כדי צו היטן דעם פילקע-טויער...

ש ײ ק ע: און מרדכי הצדיק איז אפשר נישט געווען בשער-המלך? אַ, ר' קלמן?

ק ל מ ן: אַ פּשט פון אַן עם הארץ... די פראַגע איז דאָך, צו ליב וואָס ער איז געזעסן? און מרדכי הצדיק איז חוץ דעם דאָך נישט אַרומגעלאָפן מיט נאַקעטע פּאָלקעס...

ש ײ ק ע: דערפאַר האָט יעקב אבינו געהאַט אַן אײניקל אַ לויפער, נפתלין, דנס אַ זון...

פ ײ ו ל: טאַטע, טײערער! זײנען דאָך געמײנט דווקא די אידן מיט דער ברכה, זײ זאָלן לויפן ווי אַ הירש און שטאַרק זײן ווי אַ לײב.

ק ל מ ן (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ): אוי, אוי, וואָס פאַר אַן אַפּיקורסעס! דער „רץ כצבי וגבור כארי", איז דאָך געמײנט אין זינען פון עבודת הבורא, לויפן אין שול אַרײן, נישט חלילה דײַן שי... סן...

ש ײ ק ע: און דער פעטער עשו — זאָל ער זײן פאַר אונז אַ גוטער בעטער — פלעגט אפשר נישט גײן אויף יאַגד?..



פ ײ ו ל: און ישמעאל איז נישט געווען אפשר אַ שיסער?

ק ל מ ן: ווײ, ווײ! כדי אונטערצוהאַלטן דאָס חיות! אָבער דאָך נישט סתם געפײקערט די בײנער ווי אײערע... באָקסערס, מיט די הענטשיקעס, ימח שמם וזכרם!

ש ײ ק ע: און שמשון הגבור, וואָס האָט מיטן באַק-צאָן פון מוילאײזל אָוועקגעלײגט אַ מחנה פלישתים! אהא! אָדער האָט ער אפשר נישט צעריסן מיט די הענט אַן אמתן לײב? אהא?

פ ײ ו ל: באמת, טאַטע, נעם די שײנע ביבלישע צײטן, ווען...

ש ײ ק ע: ...אליהו איז געווען דער טשעמפּיאָן פון אַוויאַציע? אהא אָדער אפשר נישט געפלויגן אויפן הימל?

פ ײ ו ל: ווען די מכבײער האָבן געקעמפט ווי לײבן...

ש ײ ק ע: און משה רבנו האָט געבאָקסט דעם מצרי...

פ ײ ו ל: ווען די אידישע מלכים האָבן אַזוי גלאָר-רײך געקעמפט מיט די אַרומיקע געצנדינער.

ש ײ ק ע: געוויס? עוג מלך הבשן — דער אידישער טשעמפּיאָן אין וואוקס!

ק ל מ ן: פויער! דאָך נישט קײן איד געווען.

ש ײ ק ע: אַן עסק — יאָ איד, נישט איד! אָבער יונה הנביא איז שוין געווען אַ איד?

ק ל מ ן: טאָ וואָס?

ש ײ ק ע: נו, האָט ער דען נישט געשטעלט דעם דעמאָלסטיקן וועלט-רעקאָרד אין שווימען אונטערן וואַסער אין בויך פון פיש? דרײ טעג!

פ ײ ו ל (לאַכט):, נײן, שײע, דערמאָן בעסער דוד המלך, וואָס האָט מיט זײן שלײדערשטײן מנצח געווען גלות הפלישתי.

ש ײ ק ע: געוויס! אהא! אָדער קורח, זכר צדיק לברכה, מיט אַלע זײנע זין אין דרערד... דער טיפסטער שפרונג, וואָס די וועלט האָט עס נאָך נישט געזען...

ק ל מ ן (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ): חמוק, גוי גמור! קורח דער נײער צדיק... באָריונג דו!

ד ב ו ר ה: און אדם הראשון איז נישט אַרומגעגאַנגען נאַקעט ווי אַ באָריונג — אהא?

פ ײ ו ל: בראַוואָ, מאַמע!

ש ײ ק ע: אַ פײגנבלאַט און — יוצא!.. נו, און משותלח?

ק ל מ ן: װאָס משותלח?

פ ײ װ ל: װאָס װאָס? געלעבט 900 יאָר...

ק ל מ ן: איז װאָס?

ש ײ ק ע: גאָרנישט! ספּאָרט. רעקאָרד!

ד ב ו ר ה: און די קונצן פֿון הײליקן „אשמדאי", װאָס האָט אַרױסגעשפּיגן שלמה המלכן...

ש ײ ק ע: געחיס! גערעכט! אַװעקגעשטעלט אַ רעקאָרד אױף שפּײַען!

ד ב ו ר ה: און דער פּיפּערנאָטער!

ש ײ ק ע: טאַקע, טאַקע, דער פּיפּערנאָטער! אָבער װאָס?

ד ב ו ר ה: כ'געדענק ניט. עפּעס אין טײַטש-חומש דערמאָן איך זיך...

ק ל מ ן (רײַסט זיך די האָר פֿון קאָפּ) װו... װער? דער פּי—פֿער—נאָ—טער?

ד ב ו ר ה: װאָס װער? און די קעניגין ושתי איז אַפֿילו אַרױסגעטראָטן אין אַ שײנהײטס-קאָנקורס... אפשר ניט, פּײַװעלע?

פ ײ װ ל: מאַמינקע, טײַערע! (לאַכט און קושט איר).

ש ײ ק ע: בראַװאָ! דבורה!

פ ײ װ ל: זעסטו מאַמינקע, װי די גאַנצע קאָמאַנדע שטײט שטאָל און אײַזן אױף מײַן צד! ס'װעט נאָך קומען אַ צײַט, װען אױך דו, טאַטע, װעסט אָנערקענען...

ק ל מ ן: אַז ניט דערלעבן זאָל איך עס גאָר אַ צײַט אױ! איך שװער, אַז...

ד ב ו ר ה: נײן, נײן, שװער ניט!

ק ל מ ן: אַז אַלע דײַנע שפּרינגער, לױפֿער, באָקסער, קװעטשער, רײַסער — אױסגעריסן זאָלן זײ, רבונו של עולם, װערן פֿון דער װעלט! (לױפֿט אָפּ אַן אופֿגערעקטער)

ד ב ו ר ה: זאָל ער גײן געזונטערהײט. אַבי אַ סוף צו דער קריגערײַ. זיץ, פּײַװעלע, איך װעל דיר צוגרײטן עפּעס צוצובײַסן (אָפּ).

ש ײ ק ע: איך מוז לױפֿן צו דער אַרבעט. ציפּקעלן איבערבײַטן! (גײט אָפּ).

פ ײ װ ל א ל ײ ן (גײט אַרום פֿאַרטראַכט):

ב ע ט י (שטורמיש אַרײַנקומענדיק): און אָט בין איך, מײַנע פּרינץ, צוריק מיטן אַפּאַראַט. (קוקט זיך אַרום) אַ... איר? דאָ? ד... דו? פּײַװו?

פ ײ װ ל: װי? דו, בעטי? װי אַזױ?



ב ע ט י: װ... װאָס טוסטו דאָ?

פ ײ װ ל (שמײכלט): מיט מער רעכט װאָלט איך געקאָנט שטעלן די פֿראַגע דיר! איך בין דאָ בײַ מײַנע עלטערן...

ב ע ט י: קלמן בריק — דײַן פֿאָטער?

פ ײ װ ל: און דו האָסט אודאי געמײנט, אַז פֿון די רײַכע בריקס — די מאַנופֿאַקטוריסטן? אָדער נעהאַלטן מיך אפשר אױך פֿאַר אַ באַנקירס אַ בענאָק?

ב ע ט י: פּײַװו! שױן ניט צום ערשטן מאָל װי דו װאַרפֿסט מיר פֿאָר מײַן רײַכקײט. פּײַװו! קוק מיך אָן! בין איך דען ענלעך צו די פֿאַרפּעשטשעטע טעכטערלעך פֿון די אָנגעבלאָזענע גבירים? צו די קינסטלעכע סאַלאָן-בלומען, װאָס...

פ ײ װ ל (שטורמיש): נײן, נײן, צו די פֿעלד-בלומען, װאָס מישן זיך אַזױ באַשײדן אױס מיטן דעמאָקראַטישן קאָרן און האָבער — אָט צו װעמען דו ביסט ענלעך! צו דעם רױטן קװײטעלע, װאָס אין די יום-טובדיקע טעג פֿון באַשײנט ער דעם לאַץ פֿון אָרעמען האָרעפּאַשניק... (װיל איר אומאָרעמען) צו...

ב ע ט י (שפּרינגט אָפּ): זעסטו, בעט איך דיך טאַקע, זאָלסט אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿאַרגעסן, אַז איך בין אַ באַנקירס טאָכטער...

פ ײ װ ל: פֿאַרגעסן? אַזױ לאַנג װי מיר געפֿינען זיך אין לאָקאַל פֿון „מכבי" און טראָגן אײן און די זעלביקע ספּאָרט-אוניפֿאָרם, לאָזט זיך אפשר נאָך אַמאָל פֿאַרגעסן, אָבער גײען מיר זיך דערנאָך פֿונאַנדער, איך — אין מײַן קעלערשטוב, דו — אין דײַן טאַטנס פּאַלאַץ, אײ, װי עס װײטיקט מיר דאַן מײַן האַרץ...

ב ע ט י: פּײַװו, טײַערער! מער װעט עס דיר שױן ניט װײ טאָן... פּײַװו — פֿון הײַנט אָן שטײ איך מיט דיר אױף אײן שטאַפּל, פֿון הײַנט אָן... בין איך מער ניט רײַך...

פ ײ װ ל: װ... װאָס? דו — ניט רײַך?

ב ע ט י: האָסט נאָך ניט געלײענט די צײַטונגען?

פ ײ װ ל: נײן, נײן, אָפּגעזעסן דעם גאַנצן פֿרימאָרגן אין קאָנסולאַט. רײד!

ב ע ט י: דעם גאַנצן פֿאַרמעגן האָט מײַן פֿאָטער אָפּגעװאָגט

פאַר מײַן שטיפמאַמען און אױף געזעלשאַפטלעכע צװעקן. נעכטן באַנאַכט האָט מען געעפנט די צװואה...

פ ײ װ ל (שפּרינגט פון פרײד): בעט, דו חוזקסט פון מיר! בעט, טײַערע? מײנסטו דאָס ערנסט?

ב ע ט י (שטרעקט אים אױס א צײַטונג): לײען!

פ ײ װ ל: נײן, נײן, איך זע עס שױן אין דײַנע אױגעלעך! בעט! איך בין דער גליקלעכסטער מענטש אױף דער װעלט! בעט, מײַן אײנציקע! און פון איצט אָן — מײַן גליכע! דײַן אָרעמ-קײט איז פון איצט אָן מײַן רײַכקײט, מײַן גליק! (קושט איר).

ב ע ט י (רײַסט זיך פּלוצים אָפּ): אָבער װאָס האָסטו אָקאָרשט געזאָגט — דו קומסט פון קאָנסולאַט?

פ ײ װ ל: יאָ, טײַערינקע! אָקאָרשט באַקומען די װיזע קײן אַמע-ריקע. און די שיפסקאַרטע, װי דו װײסט, איז שױן אױך בײַ מיר אין קעשענע.

ב ע ט י: פײװ, האָב רחמנות! דו שפּאַסט מיט מיר! איצט װען קײן מענטש און קײן רײַכקײט שטערט ניט אונזער גליק, װעסטו דאָך ניט...

פ ײ װ ל: מײדל טײַערע! אַנדערש קאָן עס ניט זײַן! אין עטלעכע טעג אַרום מוז איך שױן זײַן אױפן שיף.

ב ע ט י: פײװ, נײן! נײן! (װאַרפט זיך אים אױפן האַלז, כליפּעט).

פ ײ װ ל: בעט! (צערטלט איר): דו װײסט דאָך, אַז אַמעריקע איז די בעסטע שפּרונג-ברעט, פון װעלכער עס איז אַם בא-קװעמסטן צו קומען אין דער גרױסער װעלט פון ספּאָרט, צו יענע רעקאָרד-לײסטונגען, נאָך װעלכע איך גאַר אַזױ מיט לײַב און נשמה... און איצט װען מײַן אַמעריקאַנער פעטער גיט מיר אַזאַ גוטע געלעגנהײט...

ב ע ט י: דו װעסט ניט פאָרן! איך װעל נישט לאָזן צעשנײַדן מײַן האַרץ...

פ ײ װ ל: מײדל מײַנס! אײנציקע! ערשט איצט הױב איך אָן צו גלױבן, אַז ס'איז פון דײַן צד טאַקע ליבע!

ב ע ט י: ערשט איצט! האָסטו דען ניט געזען, מיט װאָסערע אױגן איך פלעג אױף דיר קוקן בעת אונזערע געמײנשאַפטלעכע ספּאָרט-איבונגען אין „מכבי"? האָסטו דען ניט געהערט דעם ציטער פון מײַן שטים און דעם קלאַפּ פון מײַן האַרץ, בעת



איך פלעג דיך אָנרופן?.. טױבער פײװ! בלינדער פײװ! ערשט איצט?!

פ ײ װ ל: יאָ, ערשט איצט! װײַל מענלעכע ליבע דערקאָנט מען תיכף בײַם באַגעגענען זיך, פרויען ליבע—בלױז בײַם שײדן זיך...

ב ע ט י: אַזױ ערפאַרן ביסטו שױן אין די דאָזיקע זאַכן?

פ ײ װ ל: מײַן קאָפּ איז עלטער פאַר מײַן האַרצן. כ'האָב אַסך געלײענט, געפאָרשט און געטראַכט. צוגעקוקט זיך צו דיר, צו דײַן ליכטיקן פּנימל...

ב ע ט י (קאָקעטיש): און אַרױסגעפונען?..

פ ײ װ ל (שטורמיש): אַז דער אײנציקער שטערן, װאָס לײַכט איצט פאַר מיר אין הימל, איז ד ײַ ן שטערן, (גלעט איר מיט קושן) אַז אַלע גײַסטיקע אוצרות ליגן באַהאַלטן בלױז אין די טיפענישן פון ד ײַ נ ע אױגן, אַז זעטיקן מײַן דורשט קאָן נאָר דער טױ פון דײַן זיס מײַלכעלע, אַז...

ב ע ט י: האַלט, האַלט! ס'װעט ניט העלפן, װאָס דו זאָלסט מיר איצט ניט זאָגן: מענער-ליבע װערט דאָך אױסגעפּרואװט ניט בײַם שײדן זיך נאָר בײַם באַגעגענען זיך...

פ ײ װ ל: אױב אַזױ טאָ זײַ װיסן, אַז דאָס, װאָס איך האָב דיר איצט געזאָגט, איז בלױז אַ לײַכטער װינטעלע לגבי דעם שטורעם, מיט װעלכן כ'װעל דיר באַגעגענען אין עטלעכע יאָר אַרום בײַ מײַן צוריק-קומען...

ב ע ט י: אין ע ט ל ע כ ע יאָר אַרום?

פ ײ װ ל: מעגלעך פריער... אין אַ יאָר 2 אַרום! איך װעל אַרבעטן װי אַ טײַטאַן, איך װעל טאָן אַלץ, כדי צו פאַרשיטן דעם ים, װאָס װעט אונדז אָפּטײלן אײנעם פון אַנדערן...

ב ע ט י: פאַרשיטן — דאָס קאָן געדױערן אַפּיסעלע צו לאַנג! איך װעל פּשוט אַריבערפליען דעם אָקעאַן... אַלס זשורנאַליסטין װעט עס מיר אָנקומען ניט שװער...

פ ײ װ ל: לעבן מײַנס!

ב ע ט י: געליבטער! (קושן זיך).

פ ײ װ ל: שװער מיר, אַז דו װעסט מיך נישט פאַרגעסן...

ב ע ט י: אין נאָמען פון מײַן טײַערער מוטער, װאָס איר קבר איז בײַז אַהער געװען פאַר מיר די גרעסטע הײליקײט!.. און דו?! שװער אױך!

פ ײ ו ל: אין נאָמען פון דער יוגנטלעכער קראַפט, וואָס איך פיל אין זיך! אין נאָמען פון כּפּאָרט־רעקאָרד, צו וועלכן איך ציל אין לעבן! אין נאָמען פון דעם נײַעם אידן, וואָס איך גײ אים איצט אויסשמידן אין זיך! (אַ דװיערנדער קוש). גיב מיר דײַן בילד, אין דער פרעמדער זעט דאָס זײַן פאַר מיר אַ שטיקעלע טרייסט (זי נעמט פונעם אַרויס אַ בילד)... יאָ, אָט דעם! אָט אַזוי ווי איך האָב דיך דערזען צום ערשטן מאָל אָף דעם „מכבי־פאַראַד“.. (קוקט אָפן בילד, דעקלאַמירט צו אים)... „שטײ! אָט אַזוי זאָלסטו פאַרבלײַבן אין מײַן זכרון אָפן גאַנצן לעבן!“ שרײַב זיך אונטער! (זי שרײַבט).

ב ע ט י: און איצט דײַנעם! (ער גריבלט זיך אין בוזים־קעשענע, אַרויסנעמענדיק בילדער), נײַן, ניט דעם! אויך ניט דעם! יאָ, אָט דעם, אַלס באָקסער, מיט די הענטשיקעס! שטאַרק ווי אַ האַלב־גאָט און נאָך שענער פאַר אַ פרוי! שרײַב עפּעס אויף צום אָנדענקען! (ער פאַרטראַכט זיך און שרײַבט) וואָס האָסטו אָנגעשריבן? „דער נײַער איד?“ אמת! אָט אַזוי דאַרף אויסזען דער נײַער איד! חתמע זיך! אָבער ניט מיטן גאַנצן נאָמען, בלויז די איניציאַלן (ער שרײַבט) יאָ! „עף. בע“, קײנער פון די פרעמדע זאָל זיך ניט גריבלען אין מײַן האַרצן און וויסן מײַן סוד.

פ ײ ו ל: אויך פאַר מײַנע עלטערן זאָל עס דערווײַל בלײַבן אַ סוד, ביז ס׳וועט ניט קומען די ריכטיקע צײַט...

ב ע ט י: גוט.

פ ײ ו ל: אַ ליבע בסוד פון די אַרומיקע! ווי צויבערפול!

ב ע ט י: אַ ליבע אָן עדות, ווי זיס!

דועט פון בעטי און פײַול

די ליבע — זי נערט זיך, זי וואַקסט און זי לעבט זיך
מיט הילף פון דעם שאָטנס גענאָד.
דער פאַרדים פון ליבע — ער שפּינט זיך, ער וועבט זיך
אין האַרצן פון פּאָרל בסוד.
די אויגן דער מאַמעס פאַרווײַנטע און טריבע —
זײ זעען דען עפּעס דערפון,
ווי ס׳גנבעט אַרײַן זיך אין האַרצן די ליבע
צו טעכטערל שײנער און זון?..



ר ע פ ר ײ ן:

יאָ, דער סוד
דרײט מיט ליבע ווי אַ ראָד.
אינדערשטיל
וואַקסט אין האַרצן אַ געפיל.
טיף אין ברוסט
גליען בלוטן אין געלוסט.
חשך־שוואַרץ
איז דער סוד פון מענטשנס האַרץ.
ווײַט פון ליכט
גרײט די ליבע איר געריכט.
די ליבע קומט אָן אַף אַ סטעזשקעלע קרומער,
זי מײַדט אויס אַ ברייטערן שליאַך.
דער לשון פון ליבע איז תמיד אַ שטומער,
אַ האַנט־דריק, אַ שטיף און אַ לאַך.
דער מוט איז געהויבן, נשמה באַפליגלט,
מען פילט פון גן־עדן דעם טעם.
און פײַערלעך ווערט דאָ אַן אָפּמאַך פאַרזיגלט
מיט קושן פון פײַער און פלאַם.
ר ע פ ר ײ ן:

יאָ, דער סוד
דרײט מיט ליבע ווי אַ ראָד א. א. וו.
עס זידן די בלוטן, עס רופן באַגערן,
אין פלאַם איז צעגליט מאַרך און בײן...
נאָר דאָ ווערט פאַרדעקט דורך אַ פאָרהאַנג אַ שווער;
דער סוד פון פאַרבלײַבן אַלײן.

— — — — — — — —

און שטיל איז אין היכל פון ליבע. באַם טויער
אַף וואַך שטײט אַ מלאך אַ גוטער.
און באַלד רוימט די פרוי אײַן דעם מאַן אָפן אויער
דעם סוד פון אַ גליקלעכער מוטער.
ר ע פ ר ײ ן:

יאָ, דער סוד
דרײט מיט ליבע ווי אַ ראָד א. א. וו.

(ס'לויפט אַריין שייקע).

**שייקע:** אין איין האַלבע שעה אויספאַרקויפט אַלע בלעטער די שטאָט שטורעמט מיט פריקס מעשה! (דערזעט בעטי) אהאַ, איר זיינט שוין דאָ מיטן אַפּאַראַט? (שרייט) ר' קלמן, קומט. זיך פאָטאָגראַפירן!

**פייוול:** וואָס קומט דאָ אייגנטלעך פאָר? בעט... פריילן קליאַטשקאָ, איר האָט דאָך מיר געוואָלט דערציילן... יאָ, עפּעס פון די בלעטער...

**שייקע:** גוואַלד, פייוול, דו ווייסט נאָך פון גאָרנישט? מענטשליען! (ביידע גייען אָפּ אָן א זייט).

**קלמן** (קומט אַרויס אין באַגלייטונג פון דבורהן): ליבע פריילן, מ'דאַרף ניט! צוליב וואָס דעם איבעריקן טומל?

**בעטי:** ניין, הער בריק, אַזוי דאַרף עס זיין! ס'איז אַן ענין, וואָס דאַרף באַקאַנט ווערן אין דער וועלט. (פאָרעט זיך אַרום קלמנען מיטן אַפּאַראַט).

(ס'לויפט אַריין ציפּקע. עס גייט איר נאָך א ציגיינערקע).

**ציפּקע:** מאַמע! טאַטע! א צווייטן מאָל אויספאַרקויפט אַלע בלעטער! זיי זאָגן, אַז ס'איז עפּעס שייך ר' קלמנען! אמת טאַקע? כ'האָב אפילו ניט געהאַט קיין צייט אַריינצוקוקן אין די בלעטער; טאַקע אמת, מאַמע?

**גנענדל** (אַרויסגייענדיק פון חדר): א גדולה אָף דיר, אַז ס'איז אמת, איאָ?

**ציפּקע:** מאַמע, כ'האָב דאָך אָבער פאַרדינט היינט א גאַנצן מאַיאָנטעק!..

**גנענדל** (קושט איר) אָ, טאָכטערל, ביסט דאָך א גאָלדשפּינערין בא מיר! וו... וואָס איז דאָס פאַר א ציגיינערקע?

**שייקע:** באמתן טאַקע! דבורה לעבן, זיינט רואה אָף די מעסער-גאָפּלען.

**ציפּקע:** מאַמינקע, זיי גייען דאָ אַרום א גאַנצע כאָפּטע איבער דעם הויף. זיי טאַנצן און זינגען. אָבער זי איז א טרעפּערקע, בלויז עטלעכע גראָשן...

**גנענדל:** א נייע אָנשיקעניש, נאַ דיר גאָר...

**דבורה** (צו דער ציגיינערקע): ניין, ניין, גיי געזונטערהייט.

**ציגיינערקע:** מאַדאַם, איך גרויסע מכשפה!



**שייקע** (ווייזט אָן אָף גנענדלען): נאָך גרעסער פאַר איר!

**קלמן:** מ'דאַרף ניט! ניט פאַר קיין אידישע הויז קיין עסקים...

**בעטי:** ניין, ניין, הער בריק, מיר איז טשיקאַווע... איר וועט מיר ערלויבן?

**דבורה:** אייך? מיטן גרעסטן כבוד!

**בעטי** (שטרעקט אויס די האַנט).

**ציגיינערקע:** שיין הענטעלע! מ'דאַרף אָבער באַזילבערן...

**בעטי:** אַך, יאָ! (לייגט א מטבע).

**ציגיינערקע:** דו — זיין רייך!

**שייקע:** געטראָפן מיטן פינגער אין אויג...

**ציגיינערקע:** ציגיינערקע וויס! ניט איצט — שפּעטער! אין 2 יאָר אַרום!

**שייקע:** דריי ניט קיין ספּאָדעק! זאָג, וואָס עס קומט פאָר איצט — ניט שפּעטער!

**ציגיינערקע:** דו — א כלה!

**ציפּקע:** אָף אַלע מיידלעך זאָגט זי, אַז זיי זיינען כלות.

**ציגיינערקע** (כאַפּט איר בא דער האַנט): א ליגן. דו — ניט כלה (צו בעטי) פריער ניט געווען כלה, היינט כלה...

**שייקע** (קיכט זיך פון געלעכטער): אָט דאָס הייסט געטראָפן! פושעריסטקע דו...

**בעטי** (רייסט אָפּ די האַנט און לויפט צו דערשראָקן צו פייוולען): האָסט געהערט?

**דבורה:** טייערע פריילן! וואָס נעמט איר זיך צום האַרצן, וואָס א נאַרישע ציגיינערקע באַלעבעט...

**ציגיינערקע:** איך כשרע ציגיינערקע, ניט באַלבע. ווייז האַנט!

**דבורה** (שטרעקט אויס די האַנט).

**קלמן:** דבורה, איך ערלויב ניט!

**דבורה:** ניין, ניין, כ'מוז פּרובירן...

**שייקע:** אָבער אָן באַזילבערן! אַנדערש ווילן מיר ניט.

**ציגיינערקע:** גוט. דאָסמאָל ניט געלט. דו — באַלד א שווינגער!

**דבורה:** גאָט! ווען אָבער?

**ציגיינערקע:** באַלד!

**בעטי** (צו פייוולען): דו הערסט? עס וואַרפט מיך אין קרחות. זי מיינט אונז.

דבורה (אָן אַ זײַט צו קלמנען): זי מײנט בערעלן! ווי זי וואָלט געלײענט אין אונזערע הערצער. און וואָס וועסטו זאָגן אַף אים? (ווײַזט אַף קלמנען).

ציגײַנערקע (וויל נעמען קלמנס האַנט, ער גיט ניט): אָן האַנט ציגײַנערקע ניט קאָן.

ציפּקע (שטרעקט אויס די האַנט): מיר!

ציגײַנערקע: יונגע מײדל דאַרף באַזילבערן!

פּײַול (לײגט אַוועק אַף ציפּקעס האַנט אַ מטבע).

ציגײַנערקע: דו גליקלעך אַמאָל! איצט זײער יונג. ציגײַנערקע נאָך ניט זע.

ציפּקע: איך האָב דיר געבראַכט אַהער און מיר זאָגסטו גאָרנישט...

ציגײַנערקע: מכשפה ניט שולדיק, האַנט שולדיק!

ציפּקע: און איצט, פּײַול, איר!

פּײַול: נײן, נײן, מ'דאַרף ניט.

ציגײַנערקע: דו — ניט גלויב? גוט, אָן באַזילבערן

בעטי: פּײַו... ה' בריק, דערלאַנגט די האַנט!

פּײַול (שטרעקט אויס).

ציגײַנערקע: דו — רײַך, זײער רײַך...

שײקע: כאַ... כאַ... כאַ!

ציגײַנערקע: לאַכן עבירה, שפּעטער רײַך!

בעטי: שפּעטער?

ציגײַנערקע: אַביסל שפּעטער.

שײקע: דו הערסט, פּײַול!

דבורה: הלואי, רבונו של עולם! קלמן, פּרובּיר אויך!

ציגײַנערקע: נײן, ער — אַלטער נאַרישער איד!

גנענדל: בײַ איר זײַנען נושא חן, משמעות, נאָר יונגע. אָבער ער? (ווײַזט אַף פּײַולען).

ציגײַנערקע: ער — קלוגער איד! נײַער איד!

בעטי: דו מײנסט — אַ יונגער איד?

ציגײַנערקע: נײן, נײַער! נײַער! ניט פּחד, שטאָלץ! שטאַרק! באַרימט! רײַך! טרויעריק אַוועקגעפאָרן — פרײלעך קומען!

בעטי (טוליעט זיך צו פּײַולען): פּײַו!

דבורה: גאָט, זי רעדט עפּעס מיט אַזאַ נביאות...



שײקע (שטרעקט אויס די האַנט).

ציגײַנערקע: באַזילבערן!

גנענדל: איך וועל דיר דעם קאָפּ צעשפּאַלטן, אויב דו וועסט אויסגעבן געלט אַף דעם...

שײקע (ווײַזט אַף גנענדלען): פריער דאַרפסטו איר פאַרשטײַנערן, וועל איך דערנאָך קאָנען באַזילבערן.

גנענדל (וואַרפט זיך אַף שײקן).

ציגײַנערקע: איצט וועל איך זינגען און טאַנצן.

דבורה: נײן, מ'דאַרף ניט.

פּײַול: יאָ, מאַמינקע, זאָל זי אונז אַביסל משמח זײַן! לכבוד מײַן אַוועקפאָרן! איאָ, טאַטע, ס'איז דאָך פאַר דיר אַ גרויסע שמחה מײַן אָפּפאָרן? (לאַכט אַביסל היסטעריש).

דבורה: קינד מײנס, וואָס רעדסטו?

ציגײַנערקע (לאָזט זיך אין אַ ווילדן טאַנץ, מיטציענדיק מיט זיך אַלע איבעריקע).

(פאָרהאַנג).

# צווייטער אַקט.

## ערשטער בילד.

אין 2 יאָר אַרום. אַפֿן דעק פֿון שיף אַמעריקע—אייראָפּע. צוויי מאַטראָסן שפּילן מיט אַ זילבערנער מטבע אין קאָפּ-אָדלער.

ערשטער מאַטראָס: אָדלער! צאָל! (דער צווייטער מאַטראָס צאָלט).

צווייטער מאַטראָס: קאָפּ! צאָל! (דער 1-טער צאָלט).

ס'קומט צו אַ דריטער מאַטראָס.

דריטער מאַטראָס: צען טויזנט שדים און איין מכשפֿה! מעג מען מײַן לונג און לעבער צעבראָקן אויף פּיראָגן און פֿון מײַן אָפּגעשונדרענעם שאַרבן מאַכן אַ ליאַק פֿאַרן שבתדיקן טיי, אויב דאָס איז ניט פֿרעדי בעלק!..

ערשטער מאַטראָס: אַלע בײזע קלאָגן פֿון צפֿון און דרום אויף דײַן קאָפּ — האָב איך דען דאָס זעלבע ניט געזאָגט נעכטן?

צווייטער מאַטראָס: טאָ פֿאַרוואָס באַזיצט ער דאָקומענטן אויף אַ פֿרעמדן נאָמען?

דריטער מאַטראָס: אויף אַ פֿרעמדן נאָמען?..

צווייטער מאַטראָס: געוויס! כ'האָב דאָך געזען זײַן פּאַס. אַ בירגער פֿון איינער פֿון די נײַע מלוכות...

דריטער מאַטראָס: און זײַן נאָמען?

צווייטער מאַטראָס: קלינגט עפּעס איטאַליעניש — פּיי... וועל בריק...

ערשטער מאַטראָס: דער בײזער גהינום ווייס זיי — די איטאַליענער, פֿאַרוואָס זיי האָבן ליב צו בײַטן זייערע נעמען.

דריטער מאַטראָס: ער איז ניט קיין איטאַליענער —



פֿאַרלאָז זיך אויף מיר! ער איז פֿון מײַן פֿאָלק, פֿון די אחינו בני ישׂראל — אַ איד!

צווייטער מאַטראָס: אַ איר אָדער אַן איטאַליענער, אַ פֿראַנצויז צי אַ נעגער, אַבי ער באָקסט אַזוי, אַז אַפֿילו באַם שור הבור אַליין הויבט עס אָן צו קיצלען אונטערן פּופּיק..

דריטער מאַטראָס: ערשט פֿאָריקע וואָך בין איך בײַגעווען אויף זײַן אַרויסטרעטונג אין טשיקאַגע קעגן דזשאָן ווינטשער... הײַליקער וויזהאַ! זײַנען דאָס געווען קלעפּ! בליץ—דונער—מכות—ברד—שחין—ארבה דיר אין די געדערים אַרײַן!..

ערשטער: שאַ... אָט גייט ער...

צווייטער: קום, מיר וועלן פֿאַרענדיקן אונזער שפּיל. (אַלע דרײַ מאַטראָסן גייען אָפּ).

ס'קומען אַרויס בראַון, מאַד און פּיוול.

בראַון: ווען דו וואָלסט נאָר אַן אָנונג געהאַט, מיט וואָס פֿאַר אַ באַגײַסטערונג זיי האָבן אין קאָנסולאַט אײַערן אויפֿגענומען די ידיעה, וואָס איך האָב זיי געבראַכט, אַז דו ביסט מסכים צו פֿאָרן אַהיים...

מאַד (פֿאַררויכערט): וואָס איז דאָ פֿאַר אַ וואונדער? עס איז דאָך ניט קיין קלייניקייט פֿאַר אַ לאַנד, אַז גראַדע איר בירגער זאָל ווערן באָקס-מײַסטער פֿון אייראָפּע!..

פּיוול: האָסטו דעם מאַטש ווייניקסטנס גוט אָרגאַניזירט?

בראַון: אַפֿן גלענצנדסטן אופֿן! איך וועל האָפֿנטלעך אָפּלעקן אַ פֿעטן ביינדל! און דו... פֿאַר דיר זײַנען דאָך גענוג די לאָרבערבלעטער, ניט אמת?

פּיוול: די לאָרבערבלעטער? נאָך פּריצײַטיק צו ריידן דערפֿון. מאַרטין שולץ איז אַ געפֿערלעכער קעגנער.

בראַון: און איך לאָז זיך אָפּשנײַדן מײַן קאָפּ — דו הערסט, פֿרעדי, אויב דו וועסט ניט צעקוועטשן ווי אַ פֿליי אָט דעם דײַטשן, מיט וועלכן דו דאַרפֿסט זיך דאָרטן אויף דײַן היימאַט פֿאַרמעסטן. איך שטעל מיר שוין פֿאָרויס פֿאָר, וואָס פֿאַר אָוואַציעס עס דערוואַרטן דיך אין דער היים..

מאַד: איך מיין! ווען איך האָב זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק אומגעקערט פֿון מײַן גלאָר-רײַכן קאָנצערט-טורנע איבער די

פאַרײניקטע שטאַטן צוריק קײן איטאַליען, אין מײן קלײנע געבורטשטעטעלע בײַם אַדריאַטישן ים, האָט דער באַגײסטער־טער עולם אויסגעשפּאַנט די פערד פון מײן קאַרעטע און אַלײן געשלעפּט דעם וואָגן, און ווען איך האָב קאָנצערטירט אין...

ב ר אַ ו ן: מאַר, טײערע, מ'ווײס...

מ אַ ד: װאָס װײסטו?

ב ר אַ ו ן: ...אַז ווען דו האָסט קאָנצערטירט אין רוים, האָט דער באַגײסטערטער עולם, וואָס האָט דיך באַלאַנגערט נאָכן קאָנצערט, אויסגעטרונקען דעם בענזין פון דײן אויטאָמאָביל און דיך גע־טראָגן אַף די הענט..

מ אַ ד: מיאוסער לץ!

ב ר אַ ו ן (צו פיוולען): באַזונדערש האָט זי דאַרטן אין קאָנ־סולאַט אײערן אימפּאָנירט דאָס, וואָס דו האָסט פאַר די צוויי גאַנצע יאָר פון דײן זײן אין אַמעריקע, תמיד געבאָקסט אונטער דער נאַציאָנאַלער פאָן פון דײן לאַנד, בשעת אַלע אַנדערע עמיג־ראַנטן פאַרבן זיך תיכף איבער אַף אַמעריקאַנער.

פ י ו ל: צו וואָס האָב איך עס באַדאַרפט? בין איך דאָך גע־קומען קײן אַמעריקע ניט אַלס עמיגראַנט. נאָר בלויז אַף סטו־דיע, כדי באַגעגנענדיק זיך דאָ מיט גרעסערע מײסטערס, זיך צו פאַרפולקומען אין מײנע ספּאָרט־לײסטונגען. כ'האָב אַנדערש גאָר קײנמאָל ניט געקלערט, ווי אין אַ פּאָר יאָר אַרום זיך אומצו־קערן אין מײן הײמאַט.

מ אַ ד: „מײן הײמאַט איז בלויז יענע ערד,
— וואו בליען קאָן איך אומגעשטערט” —
אַזוי זאָגט אײנער אַ פּאָעט אין די לידער, וועלכע איך זינג.

פ י ו ל: נײן, נײן, מיסיס בראַון, אונזער הײמאַט קאָנען מיר ניט בײטן אַפּהענגיק דערפון, צי מיר בליען דאָרטן אָדער וועלקן. בליען און וועלקן איז אַ פאַרבײַגײענדיקער פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויבנאויף, בשעת די קראַפט, וואָס פאַרבינדט אונז מיט אונזער הײמאַט, ליגט אין וואָרצל, מיט וועלכן מיר זײנען טיף אַרײנגעוואַקסן אין אונזער געבורטסאָרט.

ב ר אַ ו ן: אָ! דו ביסט, ווי איך זע, דער גרעסטער פּאַטריאָט פון אַלע אַרטיסטן, וועלכע איך פלעג ביז אַהער פירן איבער דער וועלט. דער גרעסטער טײל פון זײ איז קאָסמאָפּאָליטן,



מ אַ ד: חוץ מיר, ביטע! ווי אָפט איך בענק נאָך איטאַליען, נאָך מײן שײנעם נעאַפּאָל! איר קאָנט דאָך אוודאי דעם שפּריכ־וואָרט, „באַפ אַ קוק אַף נעאַפּאָל און שטאַרב!”

ב ר אַ ו ן: נו, אדרבא!

מ אַ ד: וואָס?

ב ר אַ ו ן: אדרבא, פאַרוואָס זאָלסטו הײ־יאָר ניט צופאָרן קײן נעאַפּאָל?

מ אַ ד: וואָס מײנסטו טאַקע, מ'דאַרף אויסנוצן מײן איצטיקן באַזוך אין אײראָפּע. אָבער מיט ווער אײזנבאַן וועט די רײזע צו לאַנג דויערן, איך וועל צופליען אַהין מיטן אַעראָפּלאַן.

ב ר אַ ו ן: זײ אָבער טײערינקע פאָרזיכטיק, דער באַגײסטערטער עולם זאָל בײַ דײן אָנקומען ניט אַרויסשרײַען אַמאָל דעם פּראָ־פּעלער און דיך...

פ י ו ל: בראַון, הער שוין אויף מיט דײנע פּוילע וויצן...

מ אַ ד (דריקט פיוולען די האַנט): אָ, איר — דער דזשענ־טעלמען, וואָס נעמט מיך תמיד אונטער זײן שוץ...

פ י ו ל: ביטע זײער! זאָג מיר אָבער, בראַון, איז גוט געזיכערט מײן אינקאָגניטאָ בײַם אָנקומען אין מײן הײמאַט? געדענק, אויב אימיצער וועט וויסן אונז צו באַגעגענען, וועל איך איבערײַסן מיט דיר אַלע אונזערע געשעפטלעכע באַציאונגען.

ב ר אַ ו ן: געזיכערט! געזיכערט! הגם ס'איז גענוג נאַריש פון דײן זײט... רעקלאַמע איז דאָך די ערשטע באַדינגונג פון יעדן דערפאָלג!

מ אַ ד: אין דעם פּרט איז מײן מאַן גערעכט! נאָך פאַר מײן ערשטן אַרויסטריט אין ניו־יאָרקער „אַפּאָללאָ” האָט זיך שוין אַף אַלע ציגאַרעטן־קעסטעלעך באַוויזן מײן בילד.

ב ר אַ ו ן: און דאָס האָט גורם געווען, איך זאָל ענדלעך אויפ־הערן צו רויכערן...

מ אַ ד: וואָס?

ב ר אַ ו ן: איך זאָג, הער אויף אַזויפיל צו רויכערן! יאָ, פּרעדי, דו שטעלסט זיך גאָר ניט פאָר, ווי פּאָפּולער עס איז אין דײן לאַנד דער נאָמען פּרעדי בעלק. אין דעם קאָנסולאַט דײַנעם האָבן זײ זיך אָפן מודה געווען, אַז דאָס וואָס דײן לאַנד איז איצט אַזוי פּאָפּולער אין אַמעריקע, איז עס הויפּטזעכלעך צוליב דײַנע

דערנרייכונגען אין באָקס. דו האָסט זיכער פאַרדינט צו ווערן דער פאָלקס־העלד פון דיין לאַנד! — האָבן זיי מיר געזאָגט.

פּ יי ו ל: אָ, דאָס איז שוין איבערטריבן...

מ אַ ד: דורכאויס נישט? די קולטור פון גוף איז העכער פאַר דער קולטור פון גייסט.

פּ יי ו ל: לאָמיר, מיסיס, אַביסעלע אויסבעסערן אייער געדאַנק: די קולטור פון גוף דאַרף נישט זיין נידעריקער פאַר דער קול־טור פון גייסט.

בּ ר אַ ו ן: איך האָב אַן אַנדערן פּרינציפּ: פון וועלכער קולטור מ׳קאָן פאַרדינען אַ פּאָר דאָלאַר — די איז גוט! כאַ, כאַ, כאַ.

מ אַ ד: מיאוסער ציניקער!

בּ ר אַ ו ן: ציניזם — איז די פילאָזאָפיע פון קלוגע. אָבער דערווייל אַ גוטע נאַכט. איך וועל גיין אין מיין קאַבינע און שטעל דיר פאָר — דווקא אָפּגעבן זיך איצט אַביסל דער קולטור פון גייסט — איבערלייענען די שיף־ציַיטונג. קומסט מיט, פרעדי?

פּ יי ו ל: ניין, איך וויל נאָך כאַפּן אַ פּאָר אָטעמס ים־לופט. דאָס וועטער איז היינט פּרעכטיק.

בּ ר אַ ו ן: אָבער, ביטע, ביטע! קום מאָד!

בּ אַ ד: ניין, איך וועל זיך נאָך אַביסל דורכשפּאַצירן, איבערן דעק...

בּ ר אַ ו ן: הם! קולטור פון גוף, הייסט עס?

מ אַ ד: פאַרוואָס נישט? אָדער געפעלט עס דיר נישט אפשר?

בּ ר אַ ו ן: קולטור פון גוף? פאַרוואָס דען נישט? אויב מיר קאָן אפשר עפּעס נישט געפעלן — איז די קולטור פון 2 גופים צוזאַמען... (גייט אָפּ).

מ אַ ד (גייט צו האַרט צו פּיוולען): איר האָט באַמערקט?

פּ יי ו ל: וואָס באַמערקט?

מ אַ ד: ווי ער ווערט וואָס פון טאָג אַלץ מער אייפערזיכטיק...

פּ יי ו ל: אייפערזיכטיק? וו... וואָס מיינט איר?

מ אַ ד: אָ, פרעדי, וואַרפט ענדלעך אַוועק די פּראָווינציעלע שע־מעוודיקייט אייערע! זע איך דען נישט די פלאַמיקע בליקן, וואָס איר וואַרפט אַף מיר?

פּ יי ו ל: אָבער... מיסיס בראַון!

מ אַ ד: פאַר וועמען מיסיס בראַון, פאַר אייך... פאַר דיר —



מאָד, די זעלביקע צניעותדיקע מיידל, ווי מיט 10 יאָר צוריק אין מיין שטעטעלע באַם אַדריאַטישן ים. פרעדי, דו ביסט דער ערשטער מאַן, וואָס האָט מיך איצט אויפגעוועקט פון מיין מיידלשן שלאָף!

פּ יי ו ל: אָבער מיסיס... מיין מענערזשער מיסטער בראַון, איי־ער מאַן...

מ אַ ד: איך האָב אים קיינמאָל נישט ליב געהאַט! זעסטו דען נישט דורך און דורך דעם דאָזיקן גראָבן נפש, דעם בעל גוף, וואָס קוקט אַף אונז, די גרויסע אַרטיסטן, נאָר ווי אַף פּשוטע סחורה, פון וועלכע, מ׳קאָן מאַכן געלט! קום זשע! דערנענטער זיך צו מיר!

פּ יי ו ל: אָבער טייערע מיסיס בראַון, איך... איך...

מ אַ ד: ציטער זשע נישט אַזוי! איך דערלויב דיר אַלץ...

פּ יי ו ל: יאָ... אמת... איך ציטער טאַקע... איך בין מבולבל... נאָך מער מבולבל, ווי בײַ מיין ערשטער באַגעגעניש אַפן רינג מיט דזשאָן ווינטשער...

מ אַ ד: דזשאָן ווינטשער! וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן? אַהאַ! כ׳פאַרשטיי! ער האָט שוין אָנגעטריבן רכילות אַף מיר — דער דזשאָן? איך שווער דיר, פרעדי, איך שווער, אַז דאָס איז געווען בלויז איין באַגעגעניש מיט אים. אַ וואָכעדיקער צופאַל, אַזוי צו זאָגן, צווישן אַ מאָנטיק און אַ דאָנערשטיק, וואָס האָט אין מיין האַרצן נישט איבערגעלאָזן קיין שום שפּור. אָ, ווי נישט דזשענטלמעניש עס איז געווען פון זיין צד — דזשאָנס צו פּלאַפּלען וועגן דעם! איך שווער דיר, אַז דעם אמתן געפיל פון אַ ריינער צניעותדיקער מיידלשער נשמה האָב איך ערשט איצט צו דיר, דעם ערשטן, צו דיר, מיין גבור... מיין העלד!

פּ יי ו ל: מיסיס בראַון! לאָמיר זיך אַביסעלע באַרואיקן... איך הער די טריט פון שיפס־קאַפּיטאַן...

מ אַ ד: אַך, דער דאָזיקער נפש... וועמען אינטערעסירט ער? מיך עקלט דער גערוך פון דעם פּראָסטן טאַבאַק, וואָס עס טראָגט זיך פון אונטער זיינע וואָנצן, די שוויציקע הענט, מיט וועלכע ער נעמט אַרום. נאָר דו, פרעדי, דער ערשטער מיינער, דער איינציקער!.. וואָס־זשע שטייסטו פאַרגרעווייטנם!

פ ײ ו ל: מיסיס בראון, ווייסט איר, וואס אווינס עס איז א נזיר?
מ א ד: א נזיר?
פ ײ ו ל: א מאן, וואס היט אפ זיין גוף...
מ א ד: פון וואס היט ער אפ?
פ ײ ו ל: פון כלערלייעס לעבנסשמוץ, שטרויכלונגען, וואס קאנען אים שטערן אין זיין קאמף פאר העכערע דערגרייכונגען.
מ א ד: וואס קאנען דען זיין פאר העכערע דערגרייכונגען, ווי די הימלען, אף וועלכע עס טראגן אונז ארוף די פליגלען פון ליבע? פון דער ערשטער ליבע, וואס דו האסט אקארשק אופגעוועקט אין מיין צניעותדיקן הארץ...
פ ײ ו ל: יא, מיסיס בראון, עס זיינען פאראן דערגרייכונגען נאך העכערע פאר די, צו וועלכע עס רייסט זיך איצט אייער הארץ פון א „צניעותדיקער בתולה”... דערגרייכונגען, וואס דארפן ברענגען אן אויסלייזונג דעם נזירס פאלק, כבוד — זיין לאנד, נצחון — זיין אידיי!.. שמשון הגבור איז אזא נזיר געוועזן.
מ א ד: אהא, איר גייט שוין אריבער אף דער ביבל. אזוי איז עס תמיד מיט די אידן, ווי נאר א פרוי הויבט זיי אן צו דערעסן. די ראזיקע ביטערע ערפארונג האב איך שוין געהאט מיט אייער אידישן שוועד-אטלעט דזשייקאב גאלד.
פ ײ ו ל: עס פרייט מיך, מיסיס, צו הערן וועגן די אלע נאענטע באציאונגען, אין וועלכע איר זייט געשטאנען מיטן אלוועלטלעכן ספארט.
מ א ד: וואס ביסטו אוסן מיט דיינע אנצוהערענישן? נארישער באי, איך שווער דיר, אז מער ווי צוויי באגעגענישן האב איך בכלל ניט געהאט פאר די לעצטע יארן מיט אייערע מענטשן...
פ ײ ו ל: מער ניט ווי צוויי?
מ א ד: איך שווער דיר! רענע — דער טענים-מייסטער און די פאראגוואיער פוטבאל-קאמאנדע...
פ ײ ו ל: אין באשטאנד פון וויפיל פערזאן?
מ א ד (כאפט אים אן פארן קאשנע, מיט וועלכן ער איז ארומגעוויקלט): פרעדי, פארוואס אזא איראנישער טאן? פארוואס קוועלסטו מיך?
פ ײ ו ל (דרייט זיך עטלעכע מאל אויס, אזוי אז דער קאשנע



בלייבט אין אירע הענט): מיסיס בראון, איר זייט ניט די ערשטע פוטיפוריה אף דער וועלט און איך, לאמיר האפן, ניט דער ערשטער יוסף...
מ א ד: יוסף? פאר אזא צדיק האלסטו... האלט איר זיך?
פ ײ ו ל: ניין, מיסיס בראון, וויים ניט קיין צדיק, אבער דאך ניט פאר אזא בעל עבירה, ווי די פרויען...
מ א ד: מיסטער בעלק!.. איר ערלויבט זיך צו פיל...
פ ײ ו ל: ניין, ניין, מיסיס בראון, איך מיין חלילה ניט אייך, איך מיין יענע מיידל פון מיין היימאט, וואס האט מיט 2 יאר צוריק געשווארן מיר טרייהייט און אין 12 חדשים ארום מיך אויסגעביטן אף...
מ א ד: א שענערן און אינגערן?..
פ ײ ו ל: ...אף א מיאוסערן און עלטערן... אף מיין איינענעם ברודער...
מ א ד (דערנענטערט זיך צו אים): ארעמער באי! אט פארוואס איר האט איצט אזוי מורא פאר פרויען!..
פ ײ ו ל (טרעט אפ): יא, מורא...
מ א ד: און איר שעמט זיך גאר ניט? איר — דער באקסער-טשעמפיאן?..
פ ײ ו ל (שמייכלט): איך — דער באקסער...
מ א ד: אויב אזוי האף איך ערשט ריכטיק אייך צו באזיגען... נאר אביסעלע שפעטער... שפעטער... גוד באי דערווייל, מיסטער בעלק! (גייט אפ).
פ ײ ו ל (אליין): יא, כ'האב מורא פאר פרויען...
(זינגט)
כ'האב מורא פאר פרויען,
זיי זיינען אלץ ערגער — וואס שענער.
מען קאן זיי ניט טרויען:
זיי לאכן זיך אויס פון די מענער...
ר ע פ ר י ן:
איך וואלט אמאל, ווי אייזן-שטאל,
געשטאנען פאר מיין בעט.
אז זי אן שיר געטריי איז מיר,
געגאנגען אין געוועט.

אוועק א יאר, און נא דיר גאר —
זי האט מיך אויסגעלאכט.
און הארצן גיפט מיר איינגעטריפט,
און יאוש מיך געבראכט.
ניט ווערט זיינען פרויען
די מענערשע כשרע תפילות.
ווי לאנג וועט איר טרויען,
גבורים, די פאלשע דלילות?
ר ע פ ר י ן:
איך וואלט אמאל, ווי איין שטאל א. א. וו.
זיי טרייבן — די פרויען
דעם אדם ארויס פון גן-עדן;
מען קאן זיי ניט טרויען,
דער שלאנג און דער חוה — זיי ביידן...
ר ע פ ר י ן: איך וואלט אמאל, ווי איין-שטאל א. א. וו.
(פארהאנג).

## צווייטער בילד.

רעדאקציע פון „אידישן עקספרעס". טישן, צייטונגען, שרייב-מכשירים, א שער, קליסטער, א טעלעפאן.

ק ר י כ ע ר (זיצט באם טיש און שרייבט א קורצע ווייל, דער-נאך לייענט ער עס איבער אפן קול): דער איצטיקער באקס-מאטש, וואס דארף אנטשיידן, ווער עס זאל להבא געהערן די מייסטערשאפט פון אייראפע (שרייבט און לייענט) איז וויכ-טיק ניט נאר צוליב דעם, וואס דא באגעגענען זיך אזוינע 2 באקס-טיטאנען, ווי דער דייטש מארטין שולץ און דער איד פרעדי בעלק, (שרייבט און לייענט)... נאר אויך צוליב דעם, וואס דער מאטש פאלט צונויף מיטן טאג... (ס'קלינגט דער טעלעפאן, קריכער נעמט די טרייבל): אידישער עקספרעס! איר? הער ראזנבערג? דער ראש הקהל? זייער אנגענעם! דער רע-דאקטאר דארף יעדע מינוט אריינקומען... אומבאדינגט... איך וועל אים תיכף איבערגעבן! (ליגט די טרייבל, שרייבט ווייטער און לייענט): ...וואס דער מאטש פאלט צונויף מיטן טאג, ווען



דער זשורי דארף ארויסטראגן זיין באשלוס וועגן דעם, ווער עס איז ראוי צו באקומען דעם 50 טויזנט דאלארדיקן קליאטש-קא-פריז... (ס'קלינגט דער טעלעפאן. קריכער נעמט די טרייבל): אידישער עקספרעס! דער שעף פון דער פרעסע-אפטיילונג? צו אייער דינסט, ה' שעף! עס פרייט אונז זייער דאס צו הערן! א, זיינט זיכער! פון אונזער אידישן צד וועט דעם טשעמפיאן קיין כבוד זיכער ניט פעלן! איך וועל אלץ איבערגעבן דעם ה' רעדאקטאר! (שרייבט ווייטער און לייענט)... מ'דארף ניט זיין קיין נביא, כדי פארויסצוזאגן, אז פרעדי בעלק איז דער זי-כערסטער קאנדידאט...

(שטורמיש לאזט זיך אריין דרוק. ער טוט אויס דעם מאנטל).

ד ר ו ק: קריכער, שרייבט א נאטיץ! (דיקטירט): ווי מיר דער-וויסן זיך, איז פון סדר היום אף דער נעכטיקער זיצונג פון פאבריקאנטן-פאריין אראפגענומען געווארן דער פארשלאג צו באגרענעצן דעם אנטייל פון די אידן אין דער היגער אינדוסטרי. די ווערטער „אראפגענומען דער פארשלאג" אונטערשטרייכט. די סיבה דערפון זאל זיין דער גרויסער רום, וואס דער נאמען פון אידישן באקסער פרעדי בעלק האט באקומען אין גאנצן לאנד. די געפלאנטע אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונג פון פאב-ריקאנטן-פאריין איז דעריבער אין איצטיקן מאמענט אנערקענט געווארן פאר העכסט אומפאסיק.

ק ר י כ ע ר: זייער כאראקטעריסטיש! נאטקין האט אויך געבראכט אן אינטערעסאנטן מאטעריאל.

ד ר ו ק: דהיינו?

ק ר י כ ע ר: אז פארן וויצע-פארזיצער פון געזעלשאפטלעכן קא-מיטעט פאר פוילישע דערציאונג איז נאמינירט דער לאנג-יאריקער „מכבי"-טוער פייגענזאן.

ד ר ו ק: אהא! ביז איצט פלעגט מען דאך אין קאמיטעט פאר פוילישע דערציאונג ניט צולאזן קיין אידן אף א קאנאנען-שאס...

ק ר י כ ע ר: זעט איר דאך! אלץ צוליב אונזער פרעדין!..

ד ר ו ק: ווייס מען לכל הפחות שוין געוויי זיין ביאגראפיע? די וויכטיקסטע דאטן פון זיין לעבן? היגע קרובים זיינע?

ק ר י כ ע ר: קיינער האט קיין אנוג ניט! מעןווארט אף זיין אנקומען מיטן שיף, כדי אלץ זיך צו דערוויסן.

דרוק: לא יוצלחס װאָס איר זײַט! װאָס־זשע װײס מען יאָ?

קריבער: אַז ער איז אונזערער אַ בירגער... אַ היגער געבאָרענער.

דרוק: ניט קײן סך! נאָר אַ סוף און עק, גיט מיר אַהער דעם גאַנצן מאַטעריאַל װעגן אים. כ'װעל פּרובירן אויסקאָמבינירן אַ פּאָר אײגענע סענסאַציעס...

קריבער: ביטע! (דערלאַנגט אים אַ פּאַק מאַנוסקריפּטן).

דרוק (נעמט די פּאַפּירן): און װאו איז דער בילד?

קריבער: דעם בילד. ה' דרוק, האָב איך ניט באַקומען.

דרוק (אויפגערעגט): קײן שום תירוצים װיל איך ניט הערן. עס זאָל מיר תיכף זײַן פרעדי בעלקס בילד, אָדער דו, קריבער, ביסט ניט קײן רעפּאָרטער, נאָר אַ רעפּאַרטאַטש, קװאַטש, סמאַרקאַטש, װאָס די מאַמע דאַרף אים נאָך מיט זיך אין באָד מיטנעמען... פאַרשטאַנען?

קריבער: ה' דרוק, איר קאָנט מיך צערײַסן װי אַ פּאַפּיר...

דרוק: מאַקולאַטור װעל איך פון דיר מאַכן!

קריבער: איר קאָנט מיר אפילו אָפּזאָגן פון דער שטעלע, אָבער דעם בילד קאָן איך ניט שאַפן!

דרוק: אין דער אַמעריקאַנער געזאַנדשאַפט?

קריבער: געװעזן דאָרטן... זײ האָבן ניט דעם בילד...

דרוק: אין אויסערן־מיניסטעריום?

קריבער: געװיזן! ערשט איבערמאָרגן דערװאַרטן זײ מיטן שיף דעם גאַנצן פּרעסע־מאַטעריאַל, װאָס איז שײך פרעדי בעלק.

דרוק: אין דער אידישער טעלעגראַפן־אַגענטור?

קריבער: אָ, די בטלנים! בײַ מיר איז רעכט, אַז אפילו חײם װײצמאַנס בילד האָבן זײ אויך ניט בײַ זיך...

(ס'קלינגט דער טעלעפאָן, דרוק נעמט די טרײַבל)

דרוק: איבערמאָרגן! איך זאָג אײַך דאָך שװאַרץ אױף װײַס — איבערמאָרגן קומט ער ערשט מיטן שיף. נײן! יאָ! (לײגט די טרײַבל): און װאָס װעסטו זאָגן מאָרגן, װען אין „הײַנט באַטאָג" װעט מאָרגן דער בילד יאָ זײַן?

קריבער: איך װעל זאָגן דאָס זעלבע, װאָס נעכטן אין אָװנט, װען דער „פרימאָרגן" פון עהערנעכטן האָט אױף הײַנט אינ־דערפרי צוגעזאָגט דעם בילד צו ברענגען און ניט געבראַכט.



(ס'קלינגט דער טעלעפאָן, דרוק נעמט די טרײַבל).

דרוק (רעדט דערװײַל צו קריבערן): יאָ, דענסטמאָל װעט עס אָבער שױן זײַן אַ נעכטיקער טאָג, װען דער „הײַנט אין דער פרי" װעט מאָרגן באַטאָג, אָדער דער „פרימאָרגן" װעט הײַנט אין אָװנט, אָדער מאָרגן אין דער פרי (אין טרײַבל) עהער־נעכטן אָװנט! איבערמאָרגן אין דער פרי! יאָ, ער! פרעדי בעלק! משוגה מאַכט מיר הײַנט דער טעלעפאָן! קריבער, אפשר אַ טאַפּ טאָן אין „פרימאָרגן"?

(ס'לױפט אַרײַן ציגעלניק).

ציגעלניק: ה' דרוק, ראַטעװעט! װיפיל מאָל פלעג איך זיך מיט אײַך טײלן מיט די „פרימאָרגן"־נײַעס פאַר אײער „עקספּרעס". איר האָט דאָך אודאי דעם בילד פון פרעדי?

קריבער: כאַ, כאַ, כאַ... ה' דרוק װיל מיך אָקאָרשט שיקן נאָך דעם בילד צו דיר!

דרוק (אָטעמט אָפּ): גאָט צו דאַנקען! דער „פרימאָרגן" הײסט עס האָט אויך ניט דעם בילד?

(ס'קלינגט דער טעלעפאָן, דרוק נעמט די טרײַבל).

דרוק: ה' ראָזנבערג? ביטע, ביטע!

ציגעלניק (שטיל צו קריבערן): דײַן ערן־װאָרט, אַז בײַ אײַך װעט מאָרגן דער בילד ניט זײַן?

קריבער: אַז איך זאָג דיר!

ציגעלניק: אויב אַזױ — שלום! (אָפּ)!

דרוק (רעדט אין טרײַבל): נו, זעלבסטפאַרשטענדלעך! ס'פרײט מיך גאָר אויסעראָרדנטלעך! פאַרװאָס? כ'װעל אײַך זאָגן דעם אמת: כ'האָב געטראַכט, אַז טאָמער װעט איר אַלס מענטש פון עלטערן דור דאָך װעלן פאָרלײגן אַן אַנדער קאַנדידאַטור, — אַ פּאָליטיקער, למשל, אפשר אַ געזעלשאַפטלעכן עסקן... אַלזאָ, איז אָפּגערעדט? מיר שטײען בײדע פאַרן אידישן באָק־סער! מאָרגן, אגב, װעט איר איבערלײענען אין מײַן „עקספּרעס" אַ נאָטיץ װעגן פאַבריקאַנטן־פאַרײַן און דאַן װעט איר ערשט רעכט זען, װאָס פאַר אַ באַדײַטונג ס'האָט פאַר אונז אידן אָט דער ספּאָרט־טשעמפּיאָן... איצט מײג איך אײַך אויסזאָגן נאָך אַ סוד: אַ הױכע פּערזענלעכקײט פון מיניסטעריום, יאָ... פון פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטעריום האָט מיר געבעטן, איך זאָל אום־

באַרינגט משפיע זײַן אַף אײַך, אַז איר זאָלט שטימען פאַרן ספאָרטלער, מיט וועלכן זײ אַלע אין מיניסטעריום שטאָלצירן איצט. נײן... בײדע בילדן מיר דאָך די מאַיאָריטעט, הײסט עס, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדנונג... גערעכט. אַזאַ באַשלוס מוז אָנגענומען ווערן אײנשטימיק! גוט! מסכים! כ׳וועל אים באַזוכן און רײדן מיט אים... ווי הײסט ער דאָרטן—דער בטלן? אַך, יאָ! בריק! קלמן בריק! כ׳האָב מורא, אַז איך וועל מוזן מיט אים לאַנג קנעלן, אײדער כ׳וועל אים איבערצײַגן. איר װײסט דאָך שוין זײַן שטאַנדפונקט און זײַן עקשנות... אַ גוטן! (לײגט די טרײבל, רעדט צו קריכערן): מער האָט מיר קײנער ניט געקלונגען?

ק ר י כ ע ר: איך האָב גאָר פאַרגעסן! דער שעף פון דער פרעסע-אָפטײלונג.

ד ר ו ק: נו, נו, ביסט אַ מענטש מיט אַ זכרון! מ׳מעג זיך אַף דיר פאַרלאָזן טאַקע... (נעמט זיך צום טעלעפאָן).

(ס׳לויפט אַרײַן שײקע).

ש ײ ק ע: וואָס שטײט איר דאָ מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט? שרײַבט! שרײַבט וואָס מער! שרײַבט אַף טיש און אַף בײַנק! שרײַבט אַרמיקלען, פעליעטאָנען, מזוזות, וועקסלען, תפילין, צוואות, נאָטיצן, אַבי נאָר ווענן פרעדי בעלק. דער עולם צערײַסט די בלעטער! און אויב מאָרגן וועט אין אײַער בלאַט ניט זײַן דער פּאָטרעט פון אידישן גבור, וועט מען צעטראָגן אײַער רעדאַקציע, איר הערט! דער עולם וויל זען דעם העלד! הײַנט האָב איך פאַרקויפט 250 „עקספּרעסן" און עס פעלט מיר אַלץ. איך דאַרף האָבן נאָך אַ 60 בלעטער! איך שטײ ווי אַף שפּילקעס! נו, גיכער!

ק ר י כ ע ר: וואָס זײַנט איר, משוגע? איר ווײסט דען ניט, אַז די בלעטער נעמט מען אין קאָנטאָר. און דאָ איז די רעדאַקציע נאָר? (שטעלט זיך אַנטקעגן שײקען אין אַ קעמפערישער פּאָזע, האַלטנדיק אויסגעשטרעקט די פילפעדער).

ש ײ ק ע: קוק אים נאָר אָן, דעם נײַעם באָקסער פון פעדער-געוויכט? אין קאָנטאָר צו גײן איז מיר איצט צו ווײַט, און ווען איר וואָלט אפילו געווען אַ טשעמפּיאָן אין האָן-געוויכט, קאָן שײקע נאָך אַלץ שלאָגן מיט אײַך כפרות, פאַרשטאַנען?



ד ר ו ק: גענוג, גענוג, שײקע! לאָז אונז אַרבעטן! אַרויס! טראָג זיך אָפּ!

ש ײ ק ע: דאָס זײַנען אַנדערע דיבורים! אַף אַן אײדעלן אופן קאָן מען בײַ שײקען פועלן אַלץ (אָפּ).

ד ר ו ק (קלינגט אין טעלעפאָן): ביטע דעם ה׳ שעף? גוט מאָרגן, איך, דרוק. איר האָט מיר מיט געוואָלט רײדן... אָבער זעלבסט-פאַרשטענדלעך! די אידישע באַפעלקערונג טוט אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר אין אירע כחות. פולקום מסכים! ס׳איז דער מענטש, וואָס האָט אונז דעם לעצטן יאָר פאַרשאַפט דעם גרעסטן כבוד... ריכטיק, גלײַכצײַטיק אויך דעם גרעסטן נוצן... יאָ, איר קאָנט פאַרזיכערן דעם ה׳ מיניסטער. די מאַיאָריטעט פון זשורי איז פאַרן ספאָרטלער. זײַט געזונט! (לײגט די טרײבל).

(ס׳לויפט אַרײַן בעטי).

ק ר י כ ע ר (קוקט אַ קורצע צײַט אַף איר ווי אַ צעדרולטער, לויפט דערנאָך צו צו דרוקן און רופט אים אָפּ אָן אַ זײַט): ה׳ דרוק, זי האָט דעם בילד!

ד ר ו ק: דו שפּאַסט?!

ק ר י כ ע ר: איך בין ניט קריכער, אויב זי האָט ניט דעם בילד!.. ווײַל אַזאַ פּיאַיקע זשורנאַליסטקע האָט נאָך די וועלט ניט געזען!..

ד ר ו ק: אויב דו האָסט דאָסמאָל געטראָפן, קריגסטו בײַ מיר אַ העכערונג...

ק ר י כ ע ר: אָ, ה׳ דרוק, איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט אַף דער דאָזיקער גליקלעכער מינוט...

ד ר ו ק: מײַן רעדאַקטאָר-וואָרט: פון פּאָליצײַ-באַצירק-רעפּאָרטער ווערסטו בײַ מיר...

ק ר י כ ע ר: אַ..?

ד ר ו ק: אַ פּרעפעקטור-רעפּאָרטער!

ק ר י כ ע ר (זײער אַנטוישט, שפּרינגט אַ פּאָר מאָל ווי בײַ קדושה): כבוד, כבוד, כבוד... בעת איך נויטיק זיך אַזוי אין געלט, געלט, געלט!..

ב ע ט י: הער דרוק, מיר איז טײַער יעדע מינוט!

ד ר ו ק: ביטע, פרײַלן, איך שטײ אין אײַער רשות.

ב ע ט י: איך וויל זען דעם באַשלוס פון זשורי.

ד ר ו ק: קיין באשלוס איז נאָך ניטאָ.
ב ע ט י: גוט! זאָל זיין אייער פערזענלעכע מיינונג!
ד ר ו ק. איך דאַרפט נאָך פרעגן? איר ווייסט דאָך די שטימונג אין שטאָט, אין לאַנד, אין די רעגירונגס־קרייזן, באַם אידישן מעוט גופא... ניט שוין־זשע וועל איך זיך לאָזן שווימען קעגן שטראָם?
ב ע ט י: אלזאָ — דער באָקסער?
ד ר ו ק: יאָ! אָבער איך וויל, איר זאָלט מיר באַצאָלן מיט א קעגנדינסט...
ב ע ט י: אַלץ, וואָס איר וועט פאַרלאַנגען.
ד ר ו ק: איך וויל האָבן דעם באָקסערס בילד.
ב ע ט י: דאָס וואָלט איך אויך וועלן...
ד ר ו ק: איר האָט אים שוין!..
ב ע ט י: איך? האָב אים?..
ד ר ו ק: פריילן קליאַטשקאָ, ראַטעוועט מיך! אויב דער „פרימאָרגן" וועט האָבן דעם בילד און איך ניט, איז דער „עקספרעס" באַגראָבן אַף אייביק.
ב ע ט י: איך פאַרשטיי איך און פיל אייך מיט, אָבער דעם בילד האָב איך ניט...
ד ר ו ק: אין נאָמען פון אייער זעליקן פאָטער, וועלכער איז געווען מיין פערזענלעכער פריינט...
ב ע ט י: כ'ווייס, דער בעסטער פריינט!
ד ר ו ק: אלזאָ!
ב ע ט י: דעם בילד האָב איך ניט...
ד ר ו ק: 100! גוט?
ב ע ט י: ניין...
ד ר ו ק: 500! א קייזערלעכער האָנאָראַר! מסכים?
ב ע ט י: זאָגט 10 טויזנט און דער רעזולטאַט וועט זיין דער־זעלביקער.
ד ר ו ק: איר — די פאַרברעטערין פון מיליאָניקן פרעסע— פע־קאַ־צע־קאָנצערן? איר וועט מיר איינריידן, אז איר האָט ניט אַרויסגעגראָבן פון ערגעץ וואו דעם בילד?
ב ע ט י: אדרבא — ווי?
ד ר ו ק: דורך לופט, ראַדיאָ, גניבה, שפּיאָנען־דינסט!



ב ע ט י (לאַכט האַרציק): פאַר אזא אוואַנטוריסטין האַלט איר מיך?
ק ר י כ ע ר: איך זע נאָך אייער לאַכן, פריילן קליאַטשקאָ, אז איר האָט יאָ דעם בילד...
ב ע ט י: איר זעט? אדרבא וואו?
ד ר ו ק: אָט דאָ... אין רידיקול...
ב ע ט י: כאַ... כאַ... כאַ (נעמט פון רידיקול אַרויס א טאַשנטוך, כדי צו שטילן דעם געלעכטער, דערביי פאַלט פון רידיקול אַרויס א קאָנווערט. קיינער באַמערקט עס ניט).
ב ע ט י: נו, זייט געזונט, ה' דרוק. כ'מוז לויפן צום טעלעגראַף. (אָפּ).
ד ר ו ק: די לעצטע האָפנונג מיינע איז אויסגעלאָשן... נשקשה פון א „פסיכאָלאָג" ביסטו...
ק ר י כ ע ר: און איך זאָג אייך נאָך אמאָל, אז זי האָט בא זיך דעם בילד. איך האָב עס אפילו געזען נאָך איר אומנאַטירלעכן האַלטן זיך... אָבער שאַ! וואָס איז דאָס? (הויבט אויף פון דיל דעם קאָנווערט).
ד ר ו ק (כאַפּט דעם קאָנווערט, עפנט אים. עס פאַלט אַרויס א פּאַפּיר און א פאָטאָגראַפיע): זי האָט עס אָקאָרשט פאַרלאָרן פון רידיקול...
ק ר י כ ע ר (הויבט אוף די פאַפּירן): א דעפּעש! (קוקט אין פּאַ־פּיר): פון איר פרעסע־קאָנצערן! הערט וואָס זיי דעפּעשירן איר — „קאַרגט ניט קיין געלט! שיקט צו פרעדי בעלקס בילד אלס באָקסער!"
ד ר ו ק (האַלט די אופגעהויבענע פאָטאָגראַפיע): און אָט איז דער בילד!
ק ר י כ ע ר: הידד!
ד ר ו ק: הימל, ווי לייטזעליק דו ביסט צו מיר! יאָ! ער! דער באָקסער! מיט די הענטשיקעס! יונג און שיין ווי א גריכישער האַלבגאָט!
ק ר י כ ע ר: קוקט — זיין אידישן פנים...
ד ר ו ק: גאָט! צי איז עס ניט אמאָל א טעות? אן אנדערער?
ק ר י כ ע ר: זעט, אָט איז אן איבערשריפט! (לייענט) „ד...דער נ...ייער איד!" הידד! דאָס איז דאָך דער דעוויז, אונטער וועלכן ער קעמפט!

ד ר ו ק: אמת! און אַט 2 בוכשטאַבן, זײַנע איניציאַלן, משמעות.
ק ר י כ ע ר: „עף. בע.״ הידד!
ד ר ו ק: פרעדי בעלק! זיכער! הימל! מאָרגן וועלן מיר זײַן די אײנציקע צײַטונג, וואָס וועט ברײַנגען דעם בילד!
ק ר י כ ע ר: אוודאי! מײַן עצה!
ד ר ו ק: אמת! דײַנע! דו באַקומסט דערפאַר אַ ספּעציעלע גראַטיפיקאַציע...
ק ר י כ ע ר: אַ, ה׳ דרוק, ווי דאַנקבאַר כ׳וועל אײַך זײַן...
ד ר ו ק: ... אַן אומזיסטיקע טויט־מודעה אין פאַל פון דײַן טויט...

(פאָרהאַנג).

## דריטער בילד.

### דעקאָראַציע פון ערשטן אַקט.

ס׳קומט אַרויס פון זײַן חדר קלמן מיט אַ טלית־זעקל. דבורה גײט אים נאָך.

ד ב ו ר ה: וואָס וואָלט חלילה געווען פאַר אַ בײז, ווען דו וואָלסט אויסגעטרונקען די גלעזל טײ פאַרן דאַווענען? ביסט דאָך אַזוי שוואַך.
ק ל מ ן: ניט די גלעזל טײ קאָן מיר אומקערן מײַנע כחות... (קוקט אין פענצטער).
ד ב ו ר ה: ניטאָ וואָס אַרויסצוקוקן. ער איז שוין דורכגעגאַנגען.
ק ל מ ן: פון וואַנען ווײסטו?
ד ב ו ר ה: ווײל דער שכנהטע האָט ער דערלאַנגט אַ קאַרטל, און פאַר אונדז גאָרנישט.
ק ל מ ן: אָ, רבונו של עולם, מיט וואָס האָב איך עס אַזוי פאַרזינדיקט, וואָס דו האָסט מײַן רעשט שטיקל לעבן איבערגעגעבן אין די הענט פון בריוונטרעגער, וואָס וויל ער — איז



ער מײַן מלאך המות און וויל ער — קאָן ער ווערן מײַן מלאך הגואל!
ד ב ו ר ה: איצט ביסטו געוואָרן אַ בעל תשובה. ווער אָבער, חוץ דיר, האָט דען פאַרטריבן דאָס קינד פון הויז?
ק ל מ ן: דבורה! ווײניק בלוטיקט מיר נאָך דאָס האַרץ... אײַ?
ד ב ו ר ה: נו, גוט, גוט... אָבער איך בין דאָך אויך אַ מאַמע, ניט קײן שטײן! אײן גאָט ווײס, צי ער, פײוועלע...
ק ל מ ן: נײן, נײן, דבורה, ער לעבט! ער לעבט! ווײל טויטע קאָנען גאָר ניט זײַן אַזוי גרויזאַם צו עלטערן. דער וויפילטער חדש איז, ווי ער שרײַבט שוין ניט?..
ד ב ו ר ה: ער צײלט נאָך אויף חדשים, ווען ס׳איז שוין איבער אַ יאָר...
ק ל מ ן: רבונו של עולם! (קושט די מזוזה כדי אַרויסצוגײן און שטויסט זיך אָן אויף דער אַרײַנקומענדיקער בעטי).
ב ע ט י: אָך, ה׳ בריק, איר האַלט בײַם אַוועקגײן, און איך האָב נאָך געוואָלט כאַפּן מיט אײַך אַ שמועס.
ד ב ו ר ה: קומט, קומט אַרײַן, פרײלן. ס׳מאַכט ניט אויס, ער וועט זײַנע געשעפטן ניט פאַרשפּעטיקן. זיצט.
ב ע ט י (צום אַלטן): נײן, סײדן איר וועט זיך אויך אַוועקזעצן.
ד ב ו ר ה: אַז די קעלער־שטוב האָט גאָר אויפגעשײַנט, ווי נאָר איר זײַנט דעם שוועל אַריבערגעטראָטן! אַז...
ב ע ט י: גוט, גוט, ליבע פרוי! הער בריק, פאַר וועמען וועט איר מאָרגן שטימען אין זשורי?
ק ל מ ן: איר ווילט עס שרײַבן אין די גאַזעטן?
ב ע ט י: געוויס.
ק ל מ ן: דאַן מוז איך פריער האָבן אַ ישוב הדעת מיטן ראש הקהל און רעדאַקטאָר.
ב ע ט י: זײער מײנונג איז קלאָר: זײ שטימען פאַרן אירישן ספּאָרטלער.
ק ל מ ן: דעם אַמעריקאַנער?
ב ע ט י: ער איז ניט קײן אַמעריקאַנער, נאָר אַן אונזעריקער, וואָס האָט זיך בלויז טרענירט אין אַמעריקע.
ק ל מ ן: טאַרנירט?..
ב ע ט י: געלערנט!

ק ל מ ן (שמייכלט): לערנען דארף מען דאָס?

ב ע ט י: ווי דען? איבן זיך! פאַרפולקומען! ס׳איז דער טיפ פון מענטשן, וואָס האָט ליב אַלץ צו טאָן גרינטלעך. אַזוי זיינען מיר אויך — די מיטגלידער פון אונזער „מכבי״, וואָס ווילן ברענגען דעם אידישן פאָלק כבוד און נוצן...

(פון זיין צימער קומט אַרויס שייקע מיט זיין „פּאָרטפעל״, ער האָט געהערט בעטיס לעצטע ווערטער).

ש י י ק ע: ... ניט דורך „קוועטשן די באַנק״, ווי אונזערע פּרוּ־מאַקעס, נאָר דורך קוועטשן 100 קילאָ מיט איין שלאָג פון פויסט! איר פאַרשטייט ר׳ קלמן?

ק ל מ ן: דאָס וואָס ער, ר׳ שייע פאַרשטייט, פאַרשטיי איך ניט.

ש י י ק ע: און דאָס, וואָס איר פאַרשטייט, פאַרשטיי איך ניט, האָט מיר אַ גוטן! דער עולם וואַרט אויף די בלעטער. (גייט אַפּ).

ב ע ט י: ווי איך זע, ה׳ בריק, געפעלן מיר אייך ניט באַזונ־דערש שטאַרק, די נייע אידן פון „מכבי״?

ק ל מ ן: ניי און אַלט קאָנען זיין מלבושים, מעבל, אָבער ניט קיין פאָלק, אַ פּשוטה שוין דאָס פאָלק ישראל! ניטאָ קיין נייער איד!

ב ע ט י: הייסט עס?..

ק ל מ ן: ...אַז פּילקע שפּילעריי איז ניט קיין כבוד פאַרן אידישן פאָלק...

ב ע ט י: ניט קיין כבוד? האָט איר דען ניט געלייענט, ווי גרויס עס זיינען שוין ביז איצט די פאַרדינסטן, וואָס דער פרעדי בעלק האָט געליסטעט פאַרן היגן אידנטום?

ק ל מ ן: איך דאַרף ניט לייענען. איך ווייס דעם פּסוק: „לא בכח כי אם ברוח״...

ב ע ט י: דאַרף איך, הייסט עס, פאַרשטיין, אַז...

ק ל מ ן: ... אַז פאַר אַ לויפער און שפּרינגער וועל איך ניט שטימען!

ד ב ו ר ה: שאַ! שאַ! דו ווילסט זיין קליגער פאַר דער גאַנצער וועלט! ער מיינט, אַז ס׳איז אים דער זון, וואָס ער האָט אים פאַרטריבן פון דער היים...

ק ל מ ן: דבורה!



ד ב ו ר ה: וואָס דבורה? דעם אמת מעג מען זאָגן אפילו פאַר פרעמדע! טייערינקע! אייער פאָטער האָט געהאַנדלט ניט נאָר גרויזאַם, וואָס ער האָט פאַרטריבן פון אייך די ירושה, נאָר אפילו נאַריש, וואָס ער האָט אַזאַ פאַרשימלטן אידן, ווי מיין אַלטן, באַשטימט אין דעם געריכט.

ב ע ט י: ניין, טייערע! אויב מיין פאָטער האָט אַזוי געהאַנדלט, האָט ער אַוודאי געהאַט אַ גרונט דערצו, און איך וועל זיין באַשלוס ניט טאַדלען. (צו בריקן) בלייבט איר, הייסט עס, פעסט בײַ אייער באַשלוס?

ק ל מ ן: בלי ספק! און איצט קאָן איך גיין דאַווענען, ניט אמת? (קושט די מזוזה און גייט אַפּ).

ב ע ט י (שטייט אַ רגע מיט פאַרזאָרגטע בליקן).

ד ב ו ר ה: טייערע פרײַלן, עס איז אַזאַ מחיה מיט אייך צו ריידן, אפשר זאָלט איר אויך מיך אַביסעלע אונט... ער... פירן?..

ב ע ט י: אינטערוויואירן? אָבער מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! וועגן וואָס?

ד ב ו ר ה: מאַלע וועגן וואָס? זיינען מיר דאָך מיט אייך עפּעס שטיקלעך מחותנים: אייער שטיפמוטער — מיין בערעלעס פרוי...

ב ע ט י: יאָ, אגב, אייער זון... קריגט איר פון אים אָפטע בריוו?

ד ב ו ר ה: מיין זון? איר מיינט פייוועלן? פון וואַנען קאָנט איר דען מיין פייוועלן?

ב ע ט י: איך — ניט. נאָר איך האָב אַ חברטע אין „מכבי״, וואָס איז מיט אים געווען אַמאָל זייער באַפרײַנדעט, זי פלעגט אפילו פון אים בריוו באַקומען, נאָר אָט איז שוין אַ יאָר, ווי...

ד ב ו ר ה: גרויסער נאָט! פּונקט ווי מיר! אָ, דאָס איז אַ שלעכטער סימן! איך וועל זיך די האָר פון קאָפּ אויסרייסן, אַ מיתה אָנטאָן, ניט אַנדערש, ווי ער לעבט שוין מער ניט.. (יאָמערט).

ב ע ט י: ניט וואָגן זאָלט איר גאָר אַזוינס אויף די געדאַנקען אַרויפצולאָזן! אייער שוועסטער און שוואָגער וואָלטן אייך זיכער עפּעס געמאָלדן, ווען חלילה וואָס.. ווען האָט איר געהאַט פון אים דעם לעצטן בריוו?

ד ב ו ר ה: מיט 13 חדשים צוריק...

ב ע ט י: פּונקט ווי איך...

ד ב ו ר ה: ווי ווער?..

ב ע ט י: איך זאָג... פּונקט ווי איך האָב געהערט פון דער מײדל פון „מכבי“, אַז זי באַקומט מער ניט קײן בריוו פון אים. און וואָס האָט ער אײך געשריבן אין זײַן פּאַראַיאָריקן לעצטן בריוו?

ד ב ו ר ה: זײער אַ פאַרביטערטער בריוו געווען, הגם...

ב ע ט י: וואָס הגם?

ד ב ו ר ה: הגם דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף אונזער פרײלעכע בשורה, אַז בערעלע האָט מיט גליק חתונה געהאַט מיט אײער שטיפמוטער...

ב ע ט י: איז וואָס האָט ער דאָך געשריבן?

ד ב ו ר ה (ווישט די טרערן): אויסווײניק, דאַכט זיך, קאָן איך שוין דעם בריוו זײַנעם דעם לעצטן... ער האָט געבעטן איבערגעבן זײַן מזל טוב דעם ברודער און זײַן יונגער שײנער פרוי...

ב ע ט י: מײַן שטיפמוטער — יונג? שײן?

ד ב ו ר ה: וואָס האָט ער דאָרטן געקאָנט וויסן? וויבאַלד מיר האָבן אים געשריבן, אַז בערעלע האָט חתונה געהאַט מיט דער באַנקירישע בעטי קליאַטשקאָ, האָט ער זיך פאָרגעשטעלט אַוודאי אַז זי איז יונג... שײן...

ב ע ט י (לאַכט אַביסל היסטעריש): אפשר געמײנט אויף מיר?

ד ב ו ר ה: וואָס הײסט? ווי אַזוי?

ב ע ט י: נו, איך בין דאָך אויך בעטי קליאַטשקאָ...

ד ב ו ר ה: אָבער דאָך ניט קײן באַנקירישע!..

ב ע ט י: דעם באַנקירס טאָכטער, אַלץ אײנס... אַנדערע רופן מיך נאָך אויך איצט באַנקירישע.

ד ב ו ר ה: וואָס רעדט איר, פרײַלין? איר — אַ בליענדע רויז און בערעלע —- אַן עלטערער בחור...

ב ע ט י: איז וואָס — האָט ער אײך... גראַטולירט?

ד ב ו ר ה: אויסגעלאַכט, קאָן מען זאָגן... אַזאַ חוצפּהניק פון אַ יונג! „גיב איבער“, שרײַבט ער, „בערעלן מײַן מזל טוב, ווי אויך זײַן יונגן שײנעם זיווג. וואָס האָט פלוצים זיך אַזוי פאַרבײנקט נאָך אַ טײַנטענע נשמה...“ דערנאָך גײט שוין אמתע פלאַפּלערײַ, ווי פון ראָמאַנען... אָט איז דער בריוו... (נעמט אַרויס פון קעשענע אַ צעקנײטשטן בריוו).



ב ע ט י (לײענט): די ליכטיקע שטערנס פון די פרויען-קעפּ זײַנען משמעות פּונקט אַזוי פאַרפירעריש, ווי די שטערן אין הימל... די טיפענישׁ פון די אויגן פּונקט אַזוי פאַלש ווי די טיפענישן פון ים, ווי דער אַפאָריזם, אַז אמתע פרויען-ליבע דערקענט מען בײַם שײדן זיך... (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ, רעדט צו זיך אַלײן אין האַלב אָפּגעריסענע ווערטער, אַז דבורה קאָן איר ניט פאַרשטײן) גאָט! אָט דאָס איז די סיבה פון זײַן לעצטן באַלײדיקנדיקן בריוו... אַזאַ באַלײדיקנדיקן, אַז איך האָב גאָר ניט געקענט ענטפערן אויף אים! און מײַן שווײַגן האָט ער פאַרשטאַנען אַלס באַשטעטיקונג פון מײַן פאַראַט! דער שרעקלעכער פאַטאַלער טעות! (לויפט אַוועק, ניט געזעגנענדיק זיך).

ד ב ו ר ה: ווי אויפגערעגט זי איז געוואָרן פון מײַנע צרות! אַ, גאָט, קוק זיך צו, אַז אַפילו פרעמדע מענטשן קאָנען אויך ניט צוזען מײַנע לײַדן! (ווײנט).

ק ל מ ן (קומט אַרײַן מיטן טלית-זעקל. ער איז זײער אומרואיק).

ד ב ו ר ה: גאָט איז מיט דיר, ווי בלײך דו ביסט! און עפּעס אַזוי מאָדנע גיך אָפּגעראַוונט...

ק ל מ ן: נײן, ווי געווײנטלעך! נאָר צום בלאַט בין איך ניט פאַרבליבן. עפּעס האָט זיך מיר פלוצים...

ד ב ו ר ה: גזלן, איך טענה דאָך די גאַנצע צײַט, אַז דו טאָרסט ניט אַרויסגײן פון דער הײם אָן אַ גלעזל טײ.

ק ל מ ן: אָך נײן! ניט דאָס! נאָר שטײענדיק בײַם פענצטער פון קלויז און אויסטוענדיק די תפילין, איז עפּעס פאַר מײַנע אויגן דורכגעשוואומען ווי אַ שאָטן... צוויי אויגן האָבן זיך ווי אײַנגעשפּיזט אין פענצטער-גלאָז, בײַ וועלכן איך שטײ תמיד אין קלויז...

ד ב ו ר ה: דאָס איז פון שוואַכקײט. זעץ זיך צו. איך מאַך תיכף אָנבײַסן.

ק ל מ ן: ... און ס'האָט מיך אַזאַ ציפּ געטאָן בײַם האַרצן... (לײגט אַוועק דעם טלית זעקל, ס'הערט זיך אַ סיגנאַל פון אַן אויטאָמאָביל-האָרן. בײדע אַלטע שטײען געשפּאַנט. ס'קומט אַרײַן פײַוול אין אַ רײַזע-מאַנטל).

פ ײ ו ל: דו קוססט אָקאָרשט פון קלויו, מאַמע, איאָ? כ'האָב דיך געזען אין פענצטער.
ד ב ו ר ה: מײַן קינד! (פאַלט אים אין די אָרעמס) מײַן פ א ר-ל אָ ר ע נ ע ר קינד...
ק ל מ ן (וואַרפט זיך אים אַפן האַלז): מײַן ג ע פ ו נ ע נ ע ר זון! מײַן מלאך הגואל...
ד ב ו ר ה (װײנט): ...וואָס איז שיעור, שיעור ניט געוואָרן אונזער מלאך המות...
פ ײ ו ל: מאַמע, טאַטע! אויך איך האָב ניט געלעקט קײן האָניק, דאָרטן אין דער פרעמד...
ד ב ו ר ה: וויי איז מיר, קינד מײַנס... דו האָסט געליטן?
ק ל מ ן: אָבער ווי? א בריוו? מיט וואָס האָבן מיר פאַרזינדיקט?
פ ײ ו ל: פרעג מיך נים. צו שטאַרק טוט עס מיר נאָך איצט וויי...
ד ב ו ר ה: חינד איז מיר! וואָס איז געשען?
ק ל מ ן: שפּעטער! שפּעטער! גיב עפּעס צובײַסן!
ד ב ו ר ה: אָבער וואו זײַנען דײַנע זאַכן? גנענדל, העלפט!
ג נ ע נ ד ל (לויפט אַרויס. בלײַבט א פאַרשטײנערטע)
פ ײ ו ל: יאָ גנענדל! איך! תחית המתים!
ג נ ע נ ד ל: וואו זײַנען דײַנע... אײַערע טשעמאָדאַנעס!
פ ײ ו ל: אָבער נײן, איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל.
ק ל מ ן: חלשות! וואָס איך הער!
ג נ ע נ ד ל: וואָס דען? בא אײַך אין קעלער, איאָ? איר זעט דען נים — א גראַף! א פירשט איז ער דאָך געוואָרן, פּיוועלע אונזערער...
ד ב ו ר ה: מײַן זון! (קושט אים).
ק ל מ ן: געזונט?
פ ײ ו ל: און איר? אביסעלע עלטער געוואָרן אפילו... (קושט זײ) און בא אײַך, גנענדל? שײַע? ציפּקעלע?
ג נ ע נ ד ל: גאָלד מײַנער! ווי ער געדענקט אַלעמען!
ד ב ו ר ה: וואָס פרעגסטו זיך .ניט בעסער נאָך אַף דײַן ברודער?
פ ײ ו ל: וואָס זאָל איך דען פרעגן? כ'ווייס אַלץ! א באַרימטער אַדוואָקאַט! א יונג שײַן ווײַבעלע...
ג נ ע נ ד ל: איר יונגט, לאָמיר זאָגן איז צו פאַרטראָגן...



פ ײ ו ל: וו... וואָס?
ג נ ע נ ד ל: ...און איר שײַנקײט אויך!
ד ב ו ר ה: פע, גנענדל! אַן אלמגה — אַף אונז אַלעמען געזאָגט געוואָרן...
פ ײ ו ל: אַן אלמנה?
ק ל מ ן: איז וואָס, אַז אַן אלמנה? אבי אַן ערלעך ווײַבל...
פ ײ ו ל: וואָס רעדט איר דאָ? ווער די אלמנה?
ק ל מ ן: די באַנקיריכע, די אלמנה פון פאַרשטאָרבענעם קליאַטשקאָ...
ד ב ו ר ה: ... בערעלעס איצטיקע פרוי...
פ ײ ו ל (שטאַמלט): איר האָט דאָך מיר געשריבן... בעטי...
ד ב ו ר ה: נו, ווי דען הייסט זי דען, אַז ניט בעטי?
פ ײ ו ל: בעטי איז דאָך אָבער די טאָכטער...
ד ב ו ר ה: איז וואָס? די טאָכטער אויך בעטי...
ק ל מ ן: א שטיפטאָכטער דאָך...
פ ײ ו ל (שאָקלט זיך): אוי, מיר שווינדלט עפּעס דער קאָפּ...
ג נ ע נ ד ל: אַז פון אַזאַ ווײַטן וועג! גיט אים עפּעס, דבורהלע, אין מויל אַרײַן.
ד ב ו ר ה (וואַרפט זיך אין אַלע זײַטן): וויי איז מיר!
פ ײ ו ל: נײן, נײן, עס איז מיר שוין גוט...
ד ב ו ר ה: בעסער, מײַן קינד?
פ ײ ו ל: גוט, גוט, מאַמע! א ז ו י גוט, אַזוי ליכטיק אַפן האַרצן, א ז ו י זיס! טאַטע! מאַמע! פאַרוואָס האָב איך אײַך פאַרשאַפט אַזויפיל אומזיסטע יסורים?.. איך און איר...
ק ל מ ן: וועמען?
ד ב ו ר ה (אָן א זײַט): לאָז אָפּ! ער האָט אין דעם „מכבי" עפּעס א נאָענטע באַקאַנטע...
ג נ ע נ ד ל: אפשר זאָלט איר זיך אביסעלע צולייגן אָפּרוען?
ק ל מ ן: טאַקע, מײַן זון, פון וועג...
פ ײ ו ל: נײן, נײן! (שפּרינגט אויף) זעט, ווי פריש איך בין, ווי מונטער, כאָטש זעץ מיך תיכף צוריק אַפן שיף אַרויף!
ד ב ו ר ה: טפו, טפו, טפו!
פ ײ ו ל (טאַנצט מיטן טאַטן): טאַטע, איך בין דער גליקלעכסטער מענטש אַף דער וועלט...

ג נ ע נ ד ל: אף לאנג געקומען אהער, פייוועלע?
ד ב ו ר ה: גנענדל לעבן, וואס זיינען עס פאר נארישע קשיות?...
ק ל מ ן: און פרנסה? וואס ביסטו דארטן? אין מסחר?
ד ב ו ר ה: א דאקטאר אפשר?
פ יי ו ל: ניין טאטע, ניין מאמע, ניט קיין סוחר און ניט קיין דאקטאר, איך בין פון די נייע אידן!..
ק ל מ ן: ווידער מיט די נייע אידן? ניין, מיין זון, ניטא קיין נייע אידן...
פ יי ו ל: פאראן טאטע, פאראן... ערלויב מיר, איך וועל דיר דערציילן עפעס פון זיי... ס'איז א מעשה וועגן דעם אלטן און נייעם אידן, אדער אויב דו ווילסט קאן עס הייסן

## צוויי קמיעות.

(דעקלאמירט).

די לעצטע טעג אלול... דו ווייסט דאך מסתמא,
ווי ס'טרויערט און קלאגט דאן דעם אידנס נשמה.
געבוירן דער רוקן, דער פנים א בלאסער.
עס ציטערט אפילו א פיש אינם וואסער.
דער יום הזכרון — ער שטייט אפן שוועל,
צום בית דין פון הימל זיך, אידעלע, שטעל,
דעם חשבון הנפש זיי גרייט יעדע ווייל
דערלאנגען דעם שופט פון בית דין של מעלה.
אזוי איז דער בילד אין א יעדער מדינה.
אזוי איז, פארשטייט זיך, אויך אין פאלעסטינע,
אין הייליקן לאנד פון ישראל ואורייתא,
וואו ס'איז זיך פארלאפן די דאזיקע מעשה.
דער כותל מערבי, ווי דיר איז באקאנט,
געפינט זיך אצינד נאך אין הייליקן לאנד.
פארבליבן פון אים איז ניט מער ווי רואינען...
נחמה קאן אבער דער איד דא געפינען:



דא וויינט ער זיך אויס אין א הייסער תפילה,
דא בעט ער באם אויבערשטן סליחה ומחילה,
און שופר געבלאזן ווערט דא ראש השנה —
אזוי איז שוין יארן־לאנג דא די תקנה.
ערשט היי־יאר איז אראפגעקומען קיין ירושלים
דער אלטער פינף און אכציק־יאריקער ר' חיים.
געלעבט נאר שווער
האט ער אין פוילן ביז אהער
און קראנק געווען, צעבראכן...
געלעבט נאר מיט בטחון,
אז קומען וועט ער נאך אמאל צום זון קיין פאלעסטינע
און רוען וועלן זיינע ביינער אין דער אידישער מדינה.
און אמת. ענדלעך איז די שעה געקומען:
דעם טאטן אלטן, פרומען
האט א סערטיפיקאט דער זון אראפגעשיקט.
דער אלטער איז באגליקט.
שוין היי־יאר
וועט ער דעם ניי־יאר
באגעגענען באם כותל מערבי און פארן בורא אויסלייגן ביז אף א האר
די פלאגן זיינע פאר די פינף און אכציק יאר.
נאר אומעטום איז דא א שטן א צעשטערער...
עס הויבט זיך אן דערווייל אין לאנד דער טעראר,
און, ווען ר' חיים זיצט זיך אין בית מדרש
באם שולחן ערוך אדער בא די סדרות,
הערט ער אזעלכן נייסן,
אז ס'הארץ טוט זיך צערייסן.
דער בעקער מרדכי קרעכצעט: „מיאוס! מיאוס!"
„וואסי ר' מרדכילע?"
„פאראן ידיעות
פון חדרה, פארברענט דארט דריי פרדסים,
פארוואונדעט עטלעכע, עס זיינען דא אויך מתים...
צעשטערט ארום גן שמואל דעם שאסיי"...
„אוי וויי! אוי וויי!"

ר׳ חיים זיפצעט, ווישט די אויגן,
און דאָ קומט שוין געפלויגן
אַ נייער גרוס:
„באַשאָסן אַקאַרשט־אַט אַן אויטאָבוס,
דערהרגעט דעם שאָפער,
דעם אינגסטן אייניקל פון אהרון בער.״
„דעם אייניקל? ווי זאָגט איר? וועמעס?״
„פון אהרון בער — דעם מילנער״
„ברוך דיין אמת!״
„עס איז אַן אמתער פאָגראָם!״
„אל תפתח פה לשטן!״
„רבותי, הערט: רעגירונג האָט פאַרבאָטן
דעם צוטריט צו דעם כותל מערבי!
קיין איר — לא יעלה ולא יבוא
אהין אין טאָג פון ראש השנה?—
אַזוי איז די תקנה!..
עס ווערט אויך ניט דערלאָזן
באַם כותל הייאָר שופר בלאָזן״—
אַזאַ ידיעה האָט אַריינגעבראַכט דער שמש.
ר׳ חיים איז געשפרונגען פון די כלים ממש:
„היתכן?״
זיין שטים איז שוואַך, צעבראָכן,
די אויגן אָבער שפריצן פייער־פלאַם:
„וואָס איז דער טעם?״
„בדי אַראַבער זאָלן דאָרט די אידן ניט באַפאַלן״,—
ערקלערט דער שמש: „אַ גזירה פון דער מאַכט... פאַרפאַלן!״
צערייצט פון דער גזירה איז ירושלים.
נאָר מער פאַר אַלעמען איז אויפגערעקט ר׳ חיים.
ער טענהט: „חיים איך וואָס!
וואָס פאַר אַ באַלעבאָס
איז היינט דער ענגלענדער אויף אונז? וואָס איז ער פאַר אַ מושל
אויף אונזער אידיש כותל?
ניטאָ איצט קיין פאַרבאָט
צו דינען גאָט,



וואָס שטייט אונז תמיד אָן אַ זייט מיט זיין ישועה!
איך וועל דער ערשטער... איך—יאָ, יאָ, בתקיע ובתרועה
דעם ראש השנה באַ דעם כותל שטיין
אין תפילה און געוויין!..״
„וואָס רעדט איר, שווער?״ רופט אויס די שנור פאַרציטערט:
„עס איז מיין הארץ שוין אויך אָן דעם פאַרביטערט,
דאַרפט איר אונז אָנשרעקן נאָך מער?
נשקשה, שווער,
אַז איר וועט ווי געוויינטלעך דאַווענען אינם שטיבל,
דער אויבערשטער, זייט זיכער, וועט ניט האָבן קיין פאַריבל
און צושיקן דעם זעלבן גוטן יאָר
אונז אַלעמען — דער עלטערן און יונגן דור!
אַ יאָ, איר וועט דאָך פאָלגן, שווער מיין עצה?״
זי קלאַפט דערביי אים ליבלעך אויף דער פלייצע
און גלעט אין צערטלט בעת מעשה
זיין באָרד די לאַנגע זילבערווייסע.
„און אויבע ניט?״ — פרעגט ברוגזנדיק ר׳ חיים:
„איך מוז דאָך איינמאָל כאָטש אין לעבן זיין מקיים
די מצווה שופר אויסצוהערן
באַם כותל!״
„ווי״ — שרייט אויס אין טרערן
די שנור: „איר מוזט מיר תיכף געבן אייער וואָרט!״
נאָר דאָ הויבט אויף דער אייניקל זיך פון זיין אָרט:
אַ בחור פון קבוצה, אַ יונג מיט ביינער,
די אויג פון מאַמעס קאָפ — ער איז באַ איר נאָר איינער, —
אַ איר פון יענעם מין, וואָס ווערט גערופן „נייער״:
„צום כותל וועט דער זיידע יאָ גיין הייאָר!״ —
ערקלערט ער פאַר דער מאַמען,
און זיינע שוואַרצע אויגן פלאַמען.
„וואָס רעדסטו, חוצפהניק?״—הויבט מאַמע אָן צו קלאָגן.
„איך קאָן דיר, מאַמינקע, מער גאָר נישט זאָגן,
זיי מוחל...״
און אויף די ליפן זיינע שפילט אַ שמייכל.

נעקומען דער טאָג, ווען דעם ספר זכרונות
גאָט עפנט אין הימל און מאַכט די חשבונות
און שרײַבט אוים פאַר יעדערן אידן אַ קוויטל...
ר׳ חיים פאַרטוליעט אין טלית און קיטל,
דעם מחזור און אײגענעם שופר אין האַנט
גײט לאַנגזאַם צום כותל — דער הײליקער וואַנט.
נאָר פלוצים באַוויזט זיך פון הינטער די פלײטן
זײן אײניקל: „זײדע, איך וועל דיר באַגלײטן!"
„משוגה, חלילה!" — ווערט בײז דאָ דער אַלטער;
„דער וועג אַזאַ לאַנגער, דער וועטער — אַ קאַלטער...
אויך ווײסטו דאָך גוט די רעגירונגס־תקנה,
אַז גײן צו דעם כותל איז הײַיאָר סכנה..."
„און דו?" — פרעגט דער בחור איראָניש דעם זײדן.
„פון מיר" — זאָגט דער אַלטער — „לוינט דאָך ניט צו רײדן:
אַ זקן, וואָס האָט ניט קײן אײן גאַנצן אבר,
איך שטײ סײ ווי סײ שוין מיט אײן פוס אין קבר...
פאַרגעס ניט — איך האַלט שוין כמעט בײַ דער מאה!
און חוץ דעם באַזיץ איך אַזאַ מין קמיע,
וואָס שיצט אין סכנה מיר תמיד דאָס לעבן,
עס האָט דער טשערנאָבילער מיר זי געגעבן,
איך טראָג איר פאַרנײט אינעם ברעג טלית קטן..."
נאָר דאָ הויבט דער אײניקל אָן שוין צו שפּאָטן:
„אָ, זײדינקע, טײערער" — זאָגט ער מיט היץ:
„אויך איך ניט קײן שלעכטע קמיע באַזיץ.
איר האַרץ איז פון בלײ און פון שטאָל איז איר ברוסט,
איר צויבער־קראַפט איז שוין אַ יעדן באַוואוסט,
איך טראָג איר מיט זיך סײ בײַנאַכט, סײ בײַטאָג,
זי שיצט פון טעראָר מיך און בלערלײ פּלאָג".
פאַרשטײט דאָך דער אַלטער — דער יונג מאַכט לצנות
פון רבינס קמיעות, ווי פון זאַבאַבאָנעס.
ברוגז אַף אים ווערט דעריבער דער זײדע
ער רעדט ניט און שווײַגנדיק שפּרײזן זײ בײדע
דער אַלטער געהויקערט, די אויגן אַראָפּ,
דער יונגער באַפליגלט, צום הימל דעם קאָפּ
דער נײַער — דער אַלטער, דער הײסער — דער קאַלטער,
דער חלוץ — דער חסיד, דער עבר — דער עתיד...
צוויי דורות...



די מאַכט האָט פאָרויסגעזען אַלץ ווי אַ נביא:
געגאָסן האָט בלוט זיך בײַם כותל מערבי...
אַ באַנדע אַראַבער, ווי ווילדע שאַקאַלן,
זײ זײנען די אַלטיטשקע אידן באַפאַלן
און רויבן געוואָלט בײַ די דאַוונער דאָס חיות
בײַם הײליקן קלאַנג פון די שברים ותקיעות.
נאָר גאַנץ אומדערוואַרט האָט די באַנדע אַראַבער
אַ מאָדנעם דערהערט פון די אידן „וידבר",
צו וועלכן זײ זײנען געוווינט ניט געווען...
„אַללאַ! מאַהאַמעט! וואָס איז פלוצים געשען?"
בײַם רוף פון דעם שופר האָט ווי זיך צעקלונגען
אַ הוסט אין דער לופטן פון שטאָלענע לונגען...
דאָס האָבן אַ שרעקלעכן קול געלאָזט הערן
געלאָדענע זעטיק מיט בלײ רעוואָלווערן,
וואָס אידישע יונגוואַרג, ניט וואַרטנדיק לאַנג,
האָט קעגן דער באַנדע געלאָזן אין גאַנג...
און ווילד איז די באַנדע זיך תיכף צעלאָפן,
געבליבן נאָר צוויי — פון די קוילן געטראָפן,
צוויי רוצחים באַנדיטן,
זײ האָבן אַלײן נאָר פון אָנפאַל געליטן.
די אידן אַרוים אָן אײן קרבן אפילו,
און גומל געבענטשט האָט די גאַנצע קהילה
געבענטשט האָט אויך גומל דער אַלטער ר׳ חיים,
פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַ נס משמים...
געדאַנקט אין אַ בריוו דעם טשערנאָבילער רבין,
וואָס האָט אים די גוטע קמיע געגעבן.
דערבײַ זיך געשלאָגן האָט ער מיט דער דעה,
צי איז ניט געווען אויך אַמאָל אַ קמיע,
וואָס זאָגן אַף איר קאָן מען גאָר אָן קאַטאָוועס,
אַז זי האָט דעם כח פון תציל ממות,
אַט יענע קמיע, וואָס ס׳האַלט אַזוי טײַער
דער אײניקל זײַנער, דער יונגער איד, נײַער!..

צ י פ ק ע (קומט אריין): גאָט מײַנער! מאַמע! ניט שוין זשע פּײַוול!?

פ ײַ ו ל: איך, איך, ציפּקעלע!

צ י פ קע: אָ, ווי ס'קלאַפּט מיר דאָס האַרץ! געדענקסט, מאַמע, ווי די ציגײַנערקע האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז אין 2 יאָר אַרום...

ג נ ע נ ד ל: אַ ווײַטיק איז מיר! אינדערצאַמטן! דבורהלע, איר דערמאָנט זיך?

פ ײַ ו ל: ווי אויסגעוואַקסן! ווי שײַן! ציפּקע, כּלה־מויד! קום, נעם מיך אַרום!

צ י פ ק ע (דערלאַנגט שעמעוודיק די האַנט): ווען דו... ווען איר זאָלט וויסן, ווי פאַרנומען איך בין די לעצטע טעג! די ציטונגען ווערן ממש געריסן פון די הענט! אויך הײַנט למשל. אין „עקספּרעס" זאָל הײַנט זײַן אַ סך נײַס וועגן דעם באָקסער דעם אַמעריקאַנער...

פ ײַ ו ל: אדרבא, וואָס?

צ י פ ק ע: כ'האָב דען צײַט געהאַט אַפילו אַ קוק צו טאָן? נאָט, לײענט (גיט אים אַ צײַטונג) און איצטער מוז איך לויפן... ווען דער טאַטע וואָלט וויסן, אַז פּײַוול איז צוריקגעקומען!.. אָ, גאָט! (אָפּ דורך דער דרויסנטיר).

(גנענדל גײט צו זיך אין חדר אַרײַן).

(פּײַוול האַלטנדיק מיט אײן האַנט אַרומגענומען די מוטער און אין דער אַנדער האַנט, וועלכע איז פאַרלײגט הינטערן רוקן, דעם „עקספּרעס", שפּאַצירט מיט דבורהן איבערן צימער. ס'קומט אַרײַן דרוק).

ד ר ו ק: אַ גוט־מאָרגן, ה' בּריק! איך דאַרף מיט אײַך איבעררײדן.

ק ל מ ן: אדרבא, אדרבא, ס'איז דאָך שוין דער סאַמע ערב הדין...

ד ר ו ק: געוויס! מ'דאַרף ר' קלמן, קומען צו אַן אײַנהײטלעכן בּאַשלוס.

ק ל מ ן: גערעכט! רופט נאָר אָן אַ פּאַסיקן, אַ ווירדיקן אידישן נאָמען... און איר וועט מיט מיר דורכקומען אײנס און צוויי.

ד ר ו ק: אָבער ס'איז דאָך קלאָר, ה' בּריק! דער מאַן, וואָס האָט אונז לעצטנס פאַרשאַפט אַזוי פיל כּבוד, געבראַכט אַזוי פיל נוצן, איז בּלי ספק...

פ ײַ ו ו ל (שטעלט זיך אָפּ, באַפרײַט זיך פון דער מוטער): דאָס איז אַוודאי וועגן דעם קליאַטשקאָ־פּריז, ניט אמת?



(דרוק הויבט אויף די אויגן און קוקט אויסערסט פאַרוואונדערט אָף פּײַוולען).

ק ל מ ן: אָך, איך האָב גאָר פאַרגעסן, ה' רעדאַקטאָר, אײַך באַקאַנט צו מאַכן: מײַן זון...

פ ײַ ו ל: עס פרײט מיך אויסעראָרדנטלעך. א י ך קאָן אײַך שוין ניט פון הײַנט אָן...

ד ר ו ק: א... אײַער זון?..

פ ײַ ו ל (פאַרנײַגט זיך)

ד ר ו ק (ווישט די אויגן): ווי איך וואָלט אײַך ערגעץ וואו האָבּן געזען... הײַנט, נעכטן...

פ ײַ ו ל: אַמאָל אפשר, מיט אַ יאָר צוויי צוריק...

ד ר ו ק: ניין, ניין, אַקאָרשט! דאָ ניט לאַנג... איר שטײט מיר פאַר די אויגן...

פ ײַ ו ל (קוועטשט מיט די פּלײצעס): סײדן אָף די „מכּבּי"־אָוונטן... איר פּלעגט דאָך צו אונז קומען אין קלוב...

ד ר ו ק: אין „מכּבּי"? איר זײַט פון די ספּאָרטיסטן?

ד ב ו ר ה (נעמט אַראָפּ פון וואַנט דעמזעלביקן בּילד, וואָס דרוק האָט געפונען בּאַ בּעטי און אָפּגעדרוקט אין „עקספּרעס". זי טראָגט דעם בּילד צו דרוקן): איר זעט? אָט איז ער מיט די הענטשיקעס! שײן ווי די וועלט? אײַ?

ד ר ו ק (כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ): ער!.. איר!.. אײַער זון גאָר!.. (צו פּײַוולען מיט אַ ווילדן געשרײ): און וואָס איז „עף. בּע?"

פ ײַ ר ל (אין פאַרלעגנהײט): עף־בּע? מן הסתם פּײַוול בּריק, מײַן נאָמען...

ד ר ו ק: פּײַוול בּריק! איר?! געקוילעט מיך אָן אַ מעסער! דערהרגעט אַ רעדאַקטאָר, איר פאַרשטײט?

ק ל מ ן: וואָס רעדאַקטאָר?

ד ב ו ר ה: זיצט, זיצט, וואָס איז געשען?

ד ר ו ק: וואו זיצן? אין משוגעים הויז, סײדן! אָט וואו מען דאַרף מיך אַרײַנהאַקן... גוואַלד!

פ ײַ ו ל: בּאַרואיקט אײַך! מאַמע, גיב אַ גלאָז וואַסער...

ד ב ו ר ה (שרײַט): גנענדעלע, ניט אַ גלאָז וואַסער!

ק ל מ ן: אָבער ה' רעדאַקטאָר, איך מעג זיך דאָך האָבּן מײ

אײגענע מײנונג... דאָס איז דאָך ניט קײן סיבה, איר זאָלט זיך אַזוי אױפרעגן...

דרוק: אױפרעגן! אַף גלײַכע װענט דאַרף איך קריכן! (צו פּײַװלען) װי קומט דער בילד צו דער פרײַלן קליאַטשקאַ?

דבורה: אָבער נײַן, ס׳איז מײַן בילד, מײַן פּײַװעלעס...

דרוק: כ׳מײן, יענער בילד, בײַ דער קליאַטשקאַ...

פּײַװל: פון „מכבי״ מן הסתם. זי איז דאָך אַ מיטגליד דאָרטן.

דרוק: פון מכבי?.. איך חלש אַװעק... אָי..

(גנענדל דערלאַנגט אַ גלאָז װאַסער. דרוק טרינקט. פּײַװל גײט אָפּ אָן אַ זײַט און עפנט אױף דעם „עקספּרעס״).

דרוק (שפּרינגט אױף, כאַפּט ארױס פון פּײַװלס הענט דעם „עקספּרעס״): יאָ! מ׳דאַרף זיך ניט אױפרעגן! חלוקי דעות... אומעטום קאָנען זײַן הלוקי דעות! (די בלאַט פאַלט ארױס פון זײַנע הענט, פּײַװל הױבט איר אױף, גײט צו צום פענצטער און װיל איר לײענען).

קלמן: איר װײסט דאָך, אַז איך בין אַן אַלטמאָדישער איד און האָב מײַן אײגענע מײנונג װעגן דעם, װאָס איז כבוד פאַר אידן.

דרוק: כבוד! אומכבוד! (דערנענטערט זיך אַף הינטערװײַלעך צו פּײַװלען און נעמט ארױס פון זײַנע הענט די בלאַט). אַף אַש דאַרף מען זי פאַרברענען, איר פאַרשטײט?

דבורה (דערשראָקן): װעמען?

דרוק: די צײַטונגען! די סענסאַציעס! די רעדאַקטאָרן! (װיל צערײַסן די בלאַט. קלמן ראַטעװעט איר ארױס פון זײַנע הענט).

קלמן: מיר האָבן אָבער די בלאַט נאָך ניט געלײענט.

דרוק: װאָס איז דאָ צו לײענען? ליגנס. משוגעת, אױסגעטראַכטע פוסטע זאַכן, ניט געשטױגן, ניט געפלױגן... איך חלש אַװעק...

דבורה: גאָט איז מיט אײַך! גנענדל? העלפט! אפשר אַ דאָק־טאָר? (בײדע פרױען האַלטן אים אונטער).

פּײַװל: ה׳ רעדאַקטאָר! אָבער װאָס איז געשען? װאָס זײַט איר אַזױ אױפגערעגט?



דרוק: געװען אַ רעדאַקטאָר און ניטאָ מער קײן רעדאַקטאָר! געװען דרוק און ניטאָ מער קײן דרוק! געװען אַן „עקספּרעס״ און ניטאָ מער קײן „עקספּרעס״. (לױפט ארום איבערן חדר און יעדן מאָל, װען אימיצער װיל אױפװיקלען די צײַטונג, שטערט ער זײ דאָס צו טאָן. אַלע קוקן זיך איבער).

פּײַװל: װאָס איז ער ניט בײַם זינען?

קלמן: משוגה, חלילה?

דרוק: ערגער פאַר משוגה! אומגליקלעך! קאָמפּראָמעטירט אַף אײביק! לעכערלעך געװאָרן פאַר דער גאַנצער לאַנד... איך װעל באַלד די אַפּאָפּלעקציע קריגן... (פאַלט אָנמעכטיק אַף אַ שטול).

(ס׳לױפט ארײַן קריכער)

קריכער: ה׳ דרוק, איך האָב גאָר קײן װערטער ניט...

דרוק: דערפאַר האָב איך! דו -- גזלן! דו — דער מלאך המות! דו — מײַן שטן מקטרג... דײַן עצה... מיטן בילד! דו — הונט אײנער! (װאַרפט זיך אַף אים און הױבט אים אָן צו װערגען. פּײַװל רײַסט זײ פונאַנדער).

קריכער (קוקט אַף פּײַװלען און הױבט אָן צו פאַרלירן דעם לשון): ד... דער... הער מי... מיניסטער, אָקאָרשט גע... גע־קלונגען...

דרוק: שױן געקלונגען? טורמע! בושה! אױס מיטן „עקספּרעס״! אַ סוף צום דרוקן!

קריכער: אַ ספּעציעלער אַדיוטאַנט געקומען אין רעדאַקציע...

דרוק: אַרעסטירן?

קריכער: גאָט איז מיט אײַך! װאָס רעדט איר? בלומען האָט ער אײַך געבראַכט! אַ דאַנק־בריװ פון מיניסטער. אַן אײַנלאַדונג צו קומען צו אים. און אַלץ דערפאַר, װאָס מיר זײַנען די אײנציקע צײַטונג, װאָס האָט הײַנט אינדערפרי געבראַכט דעם בילד פון פרעדי בעלק! (קוקט אַף פּײַװלען און הױבט אָן אָפּ־צוטרעטן אַף הינטערװײַלעך) װ... װער א... איז ד... דער מאַ... מאַן?

דרוק: מיאוסער הונט! דאָס איז דאָך זײַן בילד! דעם שנעקס פון „מכבי״!.. זײַן... (װאַרפט זיך אַף פּײַװלען) װי הײסט איר?

פּײַװל: פּײַװל בריק!

דרוק: אט דאס איז געווען דער „עף בע"! (צו קריכערן) איך וועל דיר ממיתן, איך וועל מאכן פון דיר א בולבע־קאשע!..

פייוול (האלט זיך פארן קאפ): קינדערלעך, מיר דאכט, אז איך הויב אן צו פארשטיין...

קריכער: ניין, ניין, אלע אוונט־בלעטער האבן שוין דעם בילד איבערגעדרוקט!..

(שייקע לויפט אריין).

שייקע (אן אטעם): ציפקע האט מיר איבערגעגעבן... ווי א פייל פון בויגן, ווי א סטאפעטע בין איך געלאפן... פייוול, טייערער פייוול! (פאלט אים אפן האלז) וויפיל טויזנטער האווי־טאמען זיך ניט געזען מיט דיר?

פייוול (רייסט זיך ארויס פון שייקען, עפנט די בלאט) כא, כא! איצט פארשטיי איך אלץ ...אלץ והער רעדאקטאר! א נביא זיינט איר — ניט קיין משוגענער! א טריאומפאטאר —ניט קיין ארעסטאנט! דער בילד איז ניט פון פייוול בריק, נאר טאקע פון פרעדי בעלק...

(אלע קוקן אין בלאט).

שייקע: אן 11 מעטער שאס, וואס די וועלט האט עס ניט געזען! פרעדי בעלק — דו? איר? פייווע?

פייוול: איך, שייע, איך...

דרוק: ניט קיין טעות? קריכער? רייד!

קריכער: יא, אזוי ווייזט עס אויס...

פייוול: אקארשט געקומען פון אמעריקע, געלאפן גלייך פון האטעל צו מיינע עלטערן...

קלמן: פייוול! רבונו של עולם! איך פאל פון די פיס, דו—דער אמעריקאנער?

דבורה: מיין קינד, דו?

פייוול: איך... איך...

דרוק: אן אמת, הייסט עס. דורך א טעות? אזוי איז עס?

קריכער: מיין עצה!

דרוק: א סענסאציע, וואס וועט הויבן מיין טיראזש ווידער אף דאפלט!..



שייקע: פייוו, טייערער, מיין האדעוואניק!

דרוק: הידד! פון טויט ווידער לעבעדיק!

פייוול: פון דער פרעמד צו זיך אהיים!

דבורה: צו דער אלטער מאמען! (נעמט אים ארום).

קלמן: מיין שמשון הגבור! (נעמט אים ארום).

(דרוק האלט קריכערן אין די ארעמס).

שייקע (שטייט אפגעפנדיק טילימער־כבוד פייוולען)

(ס'לויפן אריין מכביסטן).

ערשטער: פרעדי בעלק! מיר האבן דיך גלייך דערקאנט אפן בילד!

צווייטער: געווען בא דיר אין האטעל מיט א קבלת פנים און געפונען...

דריטער: פארשטאנען, אז דו ביסט בא דיינע עלטערן... מענץ פון דער מכבי־דעלעגאציע, געזאנג „דער נייער איר",

(די ליד פון דריטן אקט).

(פארהאנג).

# דריטער אקט.

## ערשטער בילד.

אפן וועג צום ספארטפעלד. מכביסטן־בחורים און מיידלעך אונטער דער אָנפירונג פון פּיוולען און בעטי מארשירן און זינגען.

דער נייער איד איז א פּארשוין,
וואָס לאָזט נישט שפּייען זיך אין קאַשע.
דער חומש זאָגט: „שן תחת שן". —
ס'איז קלאָר אויך אָן דעם פּשט פון רש"י.
דער נייער איד איז שטאַרק ווי שטיין,
ער לאַכט זיך אויס פון שונאס העצע.
זיין לאָזונג איז — „שן תחת שן",
זיין ענטפער — „פּצע תחת פּצע".

ר ע פ ר י ן:

דער נייער, נייער, נייער, נייער איד,
ער איז א טרייער, טרייער, טרייער גליד
פון פאָלק ישראל, ווי עס מאָלט אים העלדיש אויס דער חומש.
ער וויל דאָס פאָלק פארהאַרטעווען ווי שטאָל,
אים אומקערן דעם גלאַנץ פון זיין „אַמאָל",
אַז כבוד זאָל ער האָבן איצט אויך צווישן אַלע אומות.

דער נייער איד מאָלט אויס, באַווייזט
אונז ניט נאָר הימלען, נאָר אויך גרונטן.
ער ווייס, אַז אַ געזונטער גייסט,
דאַרף האָבן אויך אַ גוף געזונטן!
דער נייער איד האַלט הויך זיין קאָפּ
און ווייס ניט, וואָס עס הייסט זיך בוקן.
ער רופט צום גלות־אידן: „סטאָפּ!
גלייך יעקב אויס דיין קרומען רוקן!"



ר ע פ ר י ן: דער נייער, נייער, נייער, נייער איד א. א. וו.

דער נייער איד איז דער, וואָס שטייט
מיט ביידע פיס אָף אייגן באָדן
און האַלט זיין ביקס באַשטענדיק גרייט
מיט שווערע קוילן אָנגעלאָדן.
דער ביקס איז היינט צו טאָג אַ זאַך,
וואָס אַלע הערן זיין „וידבר"...
דער נייער איד אָף אָט דער שפּראַך
פאַרשטייט צו ריידן מיט אַראַבער!

ר ע פ ר י ן: דער נייער, נייער, נייער, נייער איד א. א. וו.

דער נייער איד געהערט צום סאָרט
מאָדערנע אַרבעטער און בויער,
דער נייער איד ווייס, וואָס איז ספּאָרט
און ווי מען היט פון פיינט אַ טויער!
דער נייער איד איז שטאַרק ווי שטיין,
און לאָזט אין פּנים זיך ניט שפּייען!
זיין לאָזונג איז — „שן תחת שן",
זיין ענטפער — „עין תחת עין".

ר ע פ ר י ן: דער נייער, נייער, נייער, נייער איד, א. א. וו.

ב ע ט י: דו ווייסט, פּיוול, לויטן זינען פון אונזער דאָזיקן „מכבי"־הימן, זיינען מיר גאָר מער אַלטע אידן ווי נייע.

פ י ו ל: זייער ריכטיק באַמערקט! דו מיינסט, פאַרשטייט זיך, אַלטע ניט לויטן מוסטער פון אונזערע איצטיקע טאַטעס און זיידעס, נאָר אין זינען פון די שיינע אַמאָליקע ביבלישע צייטן, ווען דאָס אידנטום איז געווען פול מיט גבורה, זעלבסטאַכטונגס־געפיל, ווען זיינע נערוון זיינען נאָך געווען פריש און געזונט און ער האָט זיך ניט געטרייסלט און געציטערט פאַר יעדע...

(ס'הערט זיך אַ ווילדער געשריי: „ראַטויטע! אידן, ראַטעוועט!" און ס לויפט אריין מיט זיין פאָרטפעל מיט בלעטער שייקע).

1־טער מ כ ב י סט: אָט האָסטו אים—דעם איצטיקן אידן אונזערן...

ב ע ט י: שייע, וואָס איז געשען?

ש י י ק ע: אַ... הונט! (אַלגעמיינער געלעכטער).

פ י ו ל: שייע! גאָט איז מיט אייך! און ווען אפילו אַ הונט?

**שײקע:** אָבער ער האָט זיך געיאָגט נאָך מיר און געפּילט.

**בעטי:** פע, שײע, ווײסט איר דען ניט דעם כּלל, אַז אַ הונט וואָס בילט, בײסט זיך ניט...

**שײקע:** איך ווײס שוין יאָ דעם כּלל. די פראַגע איז נאָר, צי ווײס דעם דאָזיקן כּלל דער כּלב...

**1-טע מײדל:** שטעמען מעגט איר זיך, שײע, אַ מאַנספּאַרשוין זאָל אַזוי מורא האָבן פאַר אַ הונט...

**פײוול:** און דערצו נאָך אַ האַווּבעק אין פוטבאָל! איאָ, שײע איר זײנט אַ האַווּבעק?

**שײקע:** אָבער יענער איז אַ האַוו—האַוו—האַוו—האַוו—בעק... איר פאַרשטײט? (געלעכטער).

**בעטי:** ווי טרויעריק עס איז, ווען מען דערמאָנט זיך, ווי פאַרשפּרײט עס איז צווישן אונז אָט דער דאָזיקער טיפּ פון אידן—דער פּחדן...

**פײוול:** ער דערמאָנט מיר דעם וויץ פון דער וועלט-מלחמה...

**אַלע:** אדרבּא, פײוו, דערצײל.

**פײוול:** אַ אידישער סאָלדאַט, וואָס איז געקומען פון פראָנט, דערצײלט פאַרשײדענע פלא פלאים, וועלכע ער האָט דורכגעלעבט אין קריג. צווישן אַנדערע רופט ער אָן עפּעס אַ קלײנעם דאָרף, וואָס אים האָבן געקאָנט דורכגײן סײ די שווערע טאַנקען, סײ די אַרטילעריע, סײ די קאַוואַלעריע, בלויז די פעכאָטע ניט. און ווי נאָר זי האָט געפּרוּווט אַרײנגײן אין דאָזיקן דאָרף, האָט זי תיכף געמוזט מאַכן אַ „ויברח“... „וואָס איז די סיבה?“— פרעגן די צוהערער. „גאָר פּשוט“ — דערקלערט דער אידישער סאָלדאַט:—„הינט! דער דאָרף איז געווען פול מיט הינט“! (געלעכטער).

**שײקע:** זײ הירזשענען אויך — די מײדלעך! באַשר איר, מײדלעך, האָט דאָך אפילו מורא פאַר מײז...

**בעטי:** אַ פײנער פאַרגלײך! אַ מויז קאָן מען ניט פאַרטראָגן ניט צוליב פּחד, נאָר צוליבן עקל, וואָס זי רופט אַרויס.

**שײקע:** און אַ הונט האָט ניט קײן עקל? (געלעכטער).

**פײוול:** אַן עקל, מיט וועלכן ער ווײדלט ליבלעך. וואָס איז מורא צו האָבן פאַר אַן עקל?



**שײקע:** חלילה! איך האָב נאָר מורא פאַר דער אַנדערער זײט! (געלעכטער).

**בעטי:** פון וועמען לאַכט איר? פון זיך? פון אײערע אידישע גלות-מירוה?

**1-טער בחור:** פון זיך? ווי געפעלט עס אײך? חברים! די חברטע קליאַטשקאָ האָט אונז באַלײדיקט! זײנען מיר דען ענלעך צום צײטונגס-פאַרקויפער?

**פײוול:** נײן, נײן, חברים! מיר זײנען אַנדערע! מיר טראָגן דעם נאָמען איד מיט שטאָלץ! איך וועל אײך דערצײלן נאָך אַ מעשהלע און שוין גראָדע ניט קײן וויץ, אַ מעשהלע, וואָס וועט זיכער אַרויסרופן בײַ דער חברטע בעטי ניט קײן טרויער, נאָר שטאָלץ.

**אַלע:** אדרבּא! טאַקע! (רינגלען אים אַרום).

**פײוול:** אַלזאָ, אַן אמתע פּאַסירונג אין אײנער פון די שכנות-דיקע מלוכות. אַ חברה כוליגאַנעס און דווקא געבילדעטע—אַקאַדעמיקער נעמלעך — האָבן באַשלאָסן אײנצואָרדנען אַ שטיקעלע פּאָגראָם אָף אידן. זײ האָבן זיך צעטײלט אָף קלײנע גרופּעס, זיך צעשאָטן אין שטאָטישן גאָרטן און, ווי נאָר עס איז געוואָרן רעכט פינצטער, האָבן זײ אָנגעהויבן צו שלאָגן די שפּאַצירנדע אידן. נו, זעלבסטפאַרשטענדלעך: אַ געלאָף, געשרײען, קלאָגן א. א. וו. אין מיטן פון געשלעג האָט אָבער אײנע פון די כוליגאַנישע גרופּקעס דערפילט אָף די אײגענע בײנער אַ האָגל שטאַרקע קלעפּ. פינצטער איז עס געווען, האָבן זײ פאַרשטאַנען, אַז מן הסתם איז זײ על פּי טעות באַפאַלן זײער אַן אײגענע גרופּע. „שטײט חברים!“ — האָבן זײ אָנגעהויבן צו שרײען, — „אַ טעות! מיר זײנען ניט קײן זשידעס!“ „דערפאַר אָבער זײנען מיר זשידעס!“ — האָבן אויסגעשריען די אָנפאַלער און צעשמעטערט די כוליגאַנעס אין אַלע זײטן!“ (געלעכטער).

**1-טער מכבּיסט:** הידד פײוו! דאָס איז אווראי געווען די אידישע זעלבסטשוץ:

**פײוול:** זעלבסטפאַרשטענדלעך! און טאַקע פון אַן אידישער ספּאָרט-אָרגאַניזאַציע.

**בעטי:** יאָ! אין דעם פאַל האָט זײער אויסרוף: „מיר זײנען

אידן״ באמת נעקלונגען הערלעך. דאָס איז שוין אַ נייער טיפּ אידן!

פ ײ ו ל: דער דאָזיקער טיפּ איז איצט שוין ווייט ניט קיין זעלטנ־הייט! איר זעט אים לעצטנס גאַנץ אָפט אין אַלע לענדער — איך רייד שוין ניט וועגן ארץ ישראל! די אידישע קעמפער אין דעם באַפרייאונגס־קריג, די דעמאָביליזירטע אידישע סאָל־דאַטן, די ספּאָרטיסטן, די גאַנצע ציוניסטישע יוגנט, די אַר־בעטער־מאַסן, אַלע אָן אויסנאַם געהערן זיי... צו דער משפחה פון „נייעם אידן״ און איך בין זיכער, אַז באַלד, באַלד וועט קו־מען די צייט...

1־טער מכּבּיסט (קוקט אַפּן האַנט־זייגער): חבר פּיוו, מיר דאַכט, אַז די צייט איז שוין געקומען...

פ ײ ו ל: אמת! אַ דאַנק! טייערע חברים, איר ווייסט דאָך, אַז מיך דערוואַרט עפּעס אַ וויכטיקערער ענין ווי פּלאַפּלען.

בּ ע ט י: פּיוו! (נעמט אים פאַר די הענט און קוקט אים מיט בּיינקשאַפט אין די אויגן).

פ ײ ו ל: אַלזאָ, חברים, ווינטשט מיר גליק אין מיין שווערן און פאַראַנטוואָרטלעכן מאַטש מיט מאַרטין שולץ.

ש ײ ק ע (בּענטשט אים): יברכך ה׳ וישמרך! (ווישט די טרערן).

בּ ע ט י (אומאַרמט שײקען): פרייען וועלן מיר זיך בּאַלד! (ווישט אַליין די טרערן).

1־טער מכּבּיסט (דריקט פּיוולען די האַנט): גיי און זיי מצליח!

2־טער מכּבּיסט (דריקט פּיוולען די האַנט): ווי דוד המלך אין קאַמף מיט גלית הפלישתי...

1־טע מײדל (דריקט פּיוולען די האַנט): ווי מרדכי היהודי!..

2־טע מײדל (דערלאַנגט פּיוולען עפּעס): נאַ, בּאַהאַלט עס! דאָס איז אַ קמיע, וואָס בּריינגט נצחון, אַ ירושה פון מיין עלטסר־עלטער־באָבּן.

פ ײ ו ל (פירט אָפּ בּעטי אָן אַ זייט): נו, און וואָס וועט מיר ווינטשן בּעטי קליאַטשקאָ?

בּ ע ט י (שעלמיש): די בּאַנקיריכע? בּערעלעס פרוי?

פ ײ ו ל: דו קאָנסט עס נאָך אַליץ ניט פאַרגעסן?

בּ ע ט י: פאַרגעסן? די 12 חדשים פּיין, וואָס דו האָסט מיר פאַר־



שאַפט מיט דיין ניט שרייבּן? אַ גזלן אין אַ וואַלד וואָלט דאָך אויך געווען בּאַרמהערציקער!

פ ײ ו ל: בּעטי! מײדל מיינס! איצט, דעם מאָמענט פאַרן מאַטש האָסטו אויסגעקליבּן פאַר די דאָזיקע קליינע חשבּונות?! און מיין פאַרוואונדעטע האַרץ, וואָס האָט 12 חדשים לאַנג געוויטיקט...

בּ ע ט י: נו, נו, איך האָבּ דאָך נאָר געמאַכט אַ שפּאַס! מיין טייערער פּיוו! וואָס זאָל איך דיר ווינטשן איצט? סײדן, אַז די ווערטער פון דער אַמאָליקער ציגיינערקע — דו געדיינקסט? — זאָלן איצט מקוים ווערן אין גאַנצן.

פ ײ ו ל: די ציגיינערקע? אמת טאַקע! יאָ! טאַקע! אָבּער אַליץ איז דאָך שוין מקוים געוואָרן — מיין בּאַרימטקייט, מיין צו־ריקקומען אין לאַנד, אונזער פאַרלאָבּונג...

בּ ע ט י: בּלויז איין זאַך נאָך ניט.

פ ײ ו: איין זאַך?

בּ ע ט י: דער פּסק דין פון געטלעכן יושר, וואָס רעגירט איבּער דער וועלט...

פ ײ ו ל: וואָס מיינסטו, טייערע?

בּ ע ט י: ... דער געטלעכער יושר, וואָס האָט אויסגעקליבּן אַזאַ רייצנד שיינע, אַזאַ עלעגאַנטע פּאָרם, כּדי מיר אומצוקערן דאָס, וואָס עס געהערט מיר לויט ירושה־רעכט — מיין פאָטערס ליבּע און זיין פאַרמעגן!

פ ײ ו: זיין פאַרמעגן?

בּ ע ט י: דורך דיר — מיין געליבּטער! דורך דיר — מיין איינציקער!

פ ײ ו: ו... וואָס מיינסטו? כ׳פאַרשטײ ניט...

בּ ע ט י: פּיוו, בּלינדער פּיוו! אין 2 שעה אַרום תיכּף נאָכן מאַטש וועט פאַרעפנטלעכט ווערן דער בּאַשלוס וועגן דעם קליאַטשקאָ פּריז... איצט האָסטו פאַרשטאַנען?

פ ײ ו ל: קיין איין וואָרט ניט.

בּ ע ט י: ... און דו — פּרעדי בּעלק — דער איינציקער ערנסטער קאַנדידאַט...

פ ײ ו ל: שווייג! ס׳איז ניט קיין טעמע אָף צו שפּאַסן מיט מיר.. איך? אַ בּאַשיידענער ספּאָרטלער, ווען דאָס אירנטום פון אונזער

לאנד פארמאָגט אזויפיל טאלענטירטע שרייבער, עסקנים, קינסט-
לער, ציוניסטן...

בעטי: פיין! אין 2 שעה ארום וועט דער דאָזיקער שפאַס,
ווי דו רופסט עס אָן, פארוואנדלט ווערן אין א גרויסן ערנסט.
איין טריט טיילט אונז דערווייל אָפּ פון דעם...

פייוול: איין טריט?

בעטי: דיין זיג איבערן דייטשן...

פייוול: אַך, דאָס? אָבער, טייערע, דאָס איז דאָך נאָך נישט קיין
מניעה! כ'וועל זיכער זיגן! מיט דיין נאָמען אף מיינע ליפּן...

בעטי: כ'בין איבערצייגט אין דעם! און מיטן נאָמען פון אי-
דישן פאָלק...

פייוול: ...און מיין הארצן! (א דויערנדער קוש).

שייקע: פייוו, מיין טייערער חבר פון פוטבאל און באָקס! גיי
און זיי מצליח! דער עיקר איז נאָר—נישט שרעקן זיך! אָן פחד
און אָן מורא, דו פארשטייסט, אָט אזוי ווי מיר זיינען ביידע
געוואוינט... (מ'הערט א בילן פון א הונט. שייקע לויפט אוועק).

כאָר (מארשירט און זינגט):

דער נייער, נייער, נייער, נייער איד א. א. וו.

(פאָרהאנג).

## צווייטער בילד.

ספּאָרטפעלד. אין הינטערגרונט זעט מען דעם רינג און די טרי-
בונעס. לינקס א בופעט מיט א ווערענדע, שטולן, טישלעך. אָן א
זייט א טעלעפאָן-בידל. די טיר פון איר איז אָפן. אין טעלעפאָן-
בידל שטייט קריכער און דיקטירט. דער עולם האלט די גאנצע
צייט אין אריינגיין און ארויסגיין. אף יעדן טריט און שריט —
מכביסטן.

קריכער (שטייט אין בידל און טעלעפאָנירט): רעדאקציע
„עקספּרעס"? נעמט אויף א טעלעפאָנאָגראַם: די ערשטע צוויי
ראָונדן אומענטשידן. דער דריטער לטובת פרעדין. 4-טער ראָונד
אומענטשידן: ס'גייט דער פינפטער. 30 טויזנט פארקויפטע
בילעטן און 20 טויזנט צוזעער אָן ערך אפן אָפענעם פעלד.
אין די לאָזשעס דער גאנצער דיפּלאָמאטישער קארפּוס. וואָס?



וועמען מ'זעט פון דער אידישער פני? שרייבט—דער אנענץ-מיט-
גליד זילבערשטיין, פאבריקאנט גרושקין, פּראָפעסאָר פיק, דער
זשורנאליסט קריכער... אָן געלעכטער, ביטע!

ציגעלניק (קומט שנעל צו): אפשר וועסטו צולאָזן צום
אפאראט אויך אָן אנדערן אף א מינוט?

קריכער: מ'וואַרט אפן אפאראט. אין 20 מינוט ארום קלינג
איך ווידער (גייט אָפּ).

(ציגעלניק פארמאכט די טיר פון בידל, בלייבנדיק אינעווייניק.)

ס'גייען פארביי בראַון, מאָד און דרוק.

דרוק: אָבער וואָס פאר א ווערדע האָבן די 5 טויזנט דאָלאַר,
וואָס זיינען באשטימט פארן זיגער, לגבי דעם קליאטשקא-
פּריז, וועלכן ער וועט באלד באַקומען...

בראַון: ווי גרויס, זאָגט איר, איז דער פּריז?

דרוק: 50 טויזנט דאָלאַר.

בראַון: קאָלאָסאַל!

מאָד: זע נאָר! פונקט ווי ער וואָלט קיינמאָל אין זיין לעבן
גאָר קיין דאָלאַר נישט געזען. ווען איך האָב געזונגען אין דער
בערלינער אָפּערע, האָט די קאַסע פאר איין וואָך געגעבן 18
מיליאָן מארק.

בראַון (צו דרוקן): נו, יאָ, אין דער אינפלאציע צייט. ווען
ברויט האָט געקאָסט 100 טויזנט מארק א פונט...

מאָד: וואָס האָסטו געזאָגט — פונט?

בראַון: איך האָב עס איבערגערעכנט אף ענגלישע פונטן
(אלע דריי אָפּ).

ס'לויפט דורך א מכביסט.

מכביסט (שרייט): 5-טער ראָונד פאר פרעדי.

ארומיקע: הידד!

(ס'קומען אריין דבורה, קלמן, ציפקע. נאָך זיי גייט שייקע, שרייענדיק:
„עקספּרעס", פּרימאָרגן", „ספּאָרטבלאַט").

דבורה: ניין, ניין, איך קאָן אזא רציחה נישט צוזען, ער האָט
דאָך שיר דעם דייטשן אלע ציין נישט אויסגעזעצט...

קלמן (היים): און אז מ'שלאָגט אונז אידן — איז גוט?

שייקע: בראַוואָ, ר' קלמן! איר הויבט זיך אָן אויסצומענטשלען.

ציפּקע: זעצט זיך צו דבורה. אָט דאָ...

ד ב ו ר ה (קאָן זיך ניט באַרואיקן): און דעם טראַסק, וועלכן ער האָט אים דערלאַנגט אין לינקער זייט... אָ, גאָט! ווי ער האָט זיך א שאָקל געטאָן — דער דייטש!

ק ל מ ן: איר האָט באַמערקט, ר׳ שייע, ווי דער ריכטער האָט זיי דערבײַ פונאַנדערגענומען?

ש י י ק ע: ווייל דער קלאַפּ איז געווען אַן אומ־עזשצלעכער און דעריבער האָט דער ריכטער עס ניט פאַרעכנט.

ד ב ו ר ה: א גדולה אַף אײַך! אָבער ווײַ טוט עס דאָך!

ק ל מ ן: וואָס ביסטו דאָס געוואָרן אַזאַ צער בעלחיימניצע? און אַז פּעטליורא, ימח שמו, האָט אונז אידן... אָדער האָסטו שוין פאַרגעסן?

ש י י ק ע: און אַז די שטודענטן האָבן פאַראיאָרן אַף מיר אַראָפּ־געלאָזן פון קייט א הונט...

ד ב ו ר ה: אָבער א סוף אַן עק. וויפיל דאַרף עס נאָך געדויערן?

ש י י ק ע: נאָך 5 ראַונדען.

ד ב ו ר ה: נאָך 5 וואונדן — ווײַ איז מיר!

צ י פּ ק ע: ניין, דבורה, איר פאַרשטייט ניט... 5 מאָל... (פירט איר אַוועק).

ק ל מ ן: זאָגט מיר, שייע, איך בעט אײַך, הייסט עס, אַז אין באָקס, ווי איך פאַרשטיי, קאָן מען מנצח זיין אָדער לויט פונקטן, אָדער מיט א נאָקאַוט?

ש י י ק ע: ר׳ קלמן, איר זייט דאָך אין באָקס שוין מער בקי ווי אין תוספות!

ק ל מ ן: אָן לצנות! טאָ זאָג מיר שוין, פאַרוואָס דערלאַנגט אים ניט פּיוול דעם ריכטיקן נאָקאַוט און א סוף אַן עק?

ש י י ק ע: ווייל ער לאָזט זיך ניט — דער דייטש.

ק ל מ ן: וואָס הייסט, ער לאָזט זיך ניט! איך וואָלט אים גע־צוואונגען! (בײַלט די פויסטן און שטעלט זיך אין א קריגערי־שע פּאָזע).

ש י י ק ע: כאַ, כאַ, כאָ! אדרבא! ווי?

(ס׳קומט אַרײַן בעטי, בלײַבט שטיין זיך צוהערנדיק).

ק ל מ ן: וואָס מיינסטו, אַז איך קאָן ניט דערלאַנגען אין פּיסק? אין די אינגלשע יאָרן מײַנע...



ש י י ק ע: ר׳ קלמן, הערט אוף, אָדער איך וועל פּלאַצן פון געלעכטער...

ק ל מ ן: פּיוועלע האָט עס בלי ספק בירושה פון מיר! וואָלסט מיך באַדאַרפט זען אין דער יוגנט! די גאַנצע ישיבה האָט געציטערט פאַר מײַן פויסט...

ב ע ט י: ה׳ בריק, מײַערער! ווי זאָגט דער טײַטש־חומש? וואָס טוען מײַנע אויערן הערן?

ש י י ק ע: א ניי־געבאָרענער איז ער דאָך געוואָרן, ר׳ קלמן.

ק ל מ ן: יאָ פריילן! אין גרוים פאַרבלענדעניש האָב איך אָפּגע־לעבט די יאָרן מײַנע... ערשט איצט, ערשט דאָ אַפן פעלד, בײַם שײַן פון די 100 טויזנט מענטשלעכע אויגן, וואָס אַלע אַלע זײַנען זיי געווענדעט אַף פּיוולען, האָב איך דערזען די פאַרעדונג, ממש די שכינה, וואָס רוט אַף מײַן זון און אַף דעם פאָלק, צו וועמען ער געהערט! ערשט דאָ, ערשט איצט בײַ דעם פּאַטשערײַ־דונער פון די 100 טויזנט הענט האָב איך באַגריפן דער כח דערפון, וואָס איר רופט אָן —ספּאָרט...

ש י י ק ע: אָנערקענט איר, הייסט עס, ר׳ קלמן, אַז מיר זײַנען גערעכט, איאָ?

ק ל מ ן: איר, שייע, אײַער קאָמאַנדע...

ב ע ט י: טײַערער! אַז איר רעדט דאָך שוין אפילו אַף דער ספּאָרט־שפּראַך, קומט־זשע קומט וואָס גיכער! די פּויזע איז שוין אוים.

ש י י ק ע: געגאַנגען! (וואַרפט מיט די פיס, ווי בײַם שיסן די פּילקע).

(אַלע דרײַ גייען אָפּ. פון דער אַנדער זייט לויפט אַרײַן קריכער, כאַפּט זיך בײַם טעלעפאָן).

ק ר י כ ע ר: דער זעקסטער ראַונד אומאַנטשידן, דער זיבעטער פאַר פרעדין, דער אַכטער פאַרענדיקט דעם מאַטש מיט א נאָקאַוט, בײַ וועלכן דער דייטש בלײַבט ליגן אין טיפער חלשות.

א ״ ו מ י ק ע: הידד! פרעדי!

מ כ ב י ס ט ן: הידד! פּיוול!

(א טומל, געשרייען, א ליאַרם, אַפּלאָדיסמענטן. מיט וואַקלדיקע טריט קומט אַרוים פּיוול אין באַגלייטונג פון מכביסטן, מאַסאַ־זשיסטן, בראַון, מאָד).

ב ר א ו ן: זעצט זיך! זעצט זיך, זאָג איך אײַך! (פײַװל זעצט זיך. מאַסאַזשיסטן רײַבן אים).

פ ײ װ ל (שטיל): װוּ איז זי?

ב ר א ו ן: װער? די מוטער?

פ ײ װ ל: גוט. די מוטער.

(ס'לויפן אַרויס דבורה מיט ציפּקען).

ד ב ו ר ה: מײַן קינד, דיר איז שלעכט?

פ ײ װ ל: גוט, מאַמינקע, גוט! װוּ איז זי?

ד ב ו ר ה: װער, מײַן קינד?

ב ע ט י (לויפט אַרײַן, פאַלט פײַװלען צו די פיס): פײַװו!

ד ב ו ר ה (צו בעטין): ער פרעגט װעגן איר? זי איז דאָ דאָ ערגעץ?

ב ע ט י: װעמען מײנט איר, פרוי בריק?

ד ב ו ר ה: כ'װײס ניט. מן הסתם די מײדל פון „מכבי", אײַער חברטע...

ב ע ט י: געװיס אַזוי! זי איז דאָ! באַלד װעט איר זי זען.

ב ר א ו ן: אָבער לאָזט אים אָפּיסעלע זיך דערהוילן.

ש ײ ק ע: געװיס, לאָזט אונז זיך דערהוילן...

פ ײ װ ל: נײן, גענוג! װי גוט איר זײט צו מיר!

(ס'קומען אַרײַן דרוק, קלמן, שײקע).

ד ר ו ק: טײערער פרעדי בעלק!

מ כ ב י ס ט ן: נײן, פײַװל בריק!

ק ל מ ן: געװיס! מײַן זון! מײַן מוזיניק! (קושט אים).

פ ײ װ ל: טאַטינקע!

ד ר ו ק (לײענט פון אַ פּאַפּיר): אין נאָמען פון זשורי: דעם ראש הקהל ראָזנבערג, ער אַנטשולדיקט זיך, װאָס צוליב קראַנקײט האָט ער ניט געקאָנט דערשײַנען פערזענלעך. רעדאַקטאָר פון „עקספּרעס" דרוק און ה' קלמן בריק ערקלער איך, אַז דער 50 טױזנט דאָלאַרדיקער קליאַטשקאָ פּריז איז אײנשטימיק צוגעמשפּט געװאָרן דעם אידישן באָקסער פײַװל בריק, װעלכער איז ביז איצט באַקאַנט געװען אונטערן פּסעװדאָנים פרעדי בעלק. ה' בריק איז אָנערקענט געװאָרן פון אונז פאַר יענעם מאַן, װאָס האָט די לעצטע 2 יאָר פאַרשאַפט דעם אידישן פאָלק אין לאַנד דעם גרעסטן כבוד און רום. הידד, פײַװל בריק! (קושט אים. אַפּלאָדיסמענטן).



פ ײ װ ל: הידד — „מכבי"! — דער ערשטער קרײַז, װאָס האָט ערצױגן מײַן ספּאָרט-גײַסט! (אַפּלאָדיסמענטן).

1-טער מ כ ב י ס ט: הידד די עלטערן, װאָס האָבן אַזאַ זון געבאָרן (אַפּלאָדיסמענטן).

ק ל מ ן (קושט דעם זון): זאָל לעבן לאַנג אין דורות דער זכרון פון גרויסן אידן קליאַטשקאָ, װעלכער האָט אַזוי הויך אָפּגעשאַצט די באַדײַטונג פון אידישער גבורה! (אַפּלאָדיסמענטן).

ב ע ט י: הידד דעם מענערזשער, װאָס האָט אונז דעם גיבור געבראַכט אַהער! (אַפּלאָדיסמענטן).

ב ר א ו ן: הידד דער אידישער פּרעסע, װעלכע האָט מיטגעהאָלפן פּרעדים זיג! (אַפּלאָדיסמענטן).

ד ר ו ק: הידד דער מלוכה, װאָס איר בירגער איז געװאָרן װעלט-מײַסטער! (אַפּלאָדיסמענטן).

ש ײ ק ע: אַלע הידדן האָט איר צוגענומען פאַר זיך און פאַר מיר איז גאָרנישט געבליבן...

פ ײ װ ל: טײערער שײַע, דיר — מײַן בעסטן ספּאָרט-פרײַנט, דעם לעצטן און שענסטן הידד — פאַר מײַן טײערע כלה!

ד ב ו ר ה: װוּ? װער? פײַװעלע?

ק ל מ ן: אַ כלה?

פ ײ װ ל: בעטי קליאַטשקאָ, זי! (קושן זיך).

ד ב ו ר ה: װײ איז מיר? און יענע? די חברטע אײַערע?

ב ע ט י: איך, איך, טײערע... ניט שוין-זשע האָט איר זיך נאָך ניט געכאַפּט? (קושט איר).

ד ב ו ר ה: אָ, איך די נאַרישע אידענע... טאָכטערל!

ק ל מ ן (קושט בעטין) פײַװל, ניט אײן קליאַטשקאָ-פּריז האָסטו געװאונען, נאָר גאַנצע צװײ!..

ד ר ו ק: 2 מאָל פופציק טױזנט!..

פ ײ װ ל: נײן! אַף געלט קאָן מען עס גאָר ניט איבעררעכענען...

ב ר א ו ן (צו מאָד): איך װאָלט זיך באַגנוגנט מיט די פופציק טויזנט אַלײן... דוכט זיך, אַן אמתער נאָבעל-פּריז.

מ א ד: בעסער װאָלט געװען צו זאָגן אַ קנאָבל-פּריז, װי עס פּאַסט פאַר אײַך אידן...

ב ר א ו ן: אַהאַ! דו קאָנסט אים שוין ניט מן הסתם פאַרגינען די מײדל... טאָ לויף-זשע צום דײַטשן, װעט ער דיך טרייסטן...

מאד: וואָס מײנסטו? מער דזשענטעלמען פאַר דיר איז ער געווים... (ברוגזדיק גײט אָפּ).

ציפקע: טײערער פּיוו. טײערע פרײלן! נעמט צו אויך פון מיר מײן מזל טוב! אָבער פאַר װעמען זאָל איך שרײען הידד, װײס איך באמת ניט... (ס'קומט אַרײן די ציגײנערקע, בלײבט שטײן. גאָט מײנער! זי! כ'ווײס, כ'ווײס! פאַר דער טײערער ציגײנערקע, וואָס האָט אַלץ אַזוי שײן פאָרויסגעזאָגט! הידד!

אלע: הידד! (וואַרפן דער ציגײנערקע געלט. זי שמשירעט מיט די ווײסע צײן).

פּײוול: און איצט דעם לעצטן „הידד", אָבער דעם וויכטיקסטן: פאַרן „נײעם איד!" (זינגט מיטן כאָר):

קלינג, מײן ליד, די וועלט זאָל הערן!
נײער איד, ס'גײט אויף דײן שטערן!
כ'זע, ווי ס'פאַלט פון דיר אַראָפּ דײן שאַנד,
ווײל באַלד האָסטו אַן אײגן לאַנד!
ס'קנעטן לײם אין גלות אײדן...
גיט אַ הײם אַ פאָלק אַ מידן!
נע ונד געגוג שוין אונז צו זײן!
גיט אונז צוריק די הײם, וואָס איז דורך אונז אַלײן געבויט,
און זאָל עס זײן אַ טרוקנס אָבער אײגן שטיקל ברויט!
ס'קלינגט אַ ליד, ווי אַ לעגענדע,
נײער איד באַלד נעמט אַן ענדע
צו דײן פּלאָג! באַלד איז טאָג — נײער איד!...

(פאָרהאַנג).

---

אונטער דער רעזשי פון בנציון ווײטלער איז די פּיעסע „דער נײער איד" אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין רינגער אידיש; מעוטים-טעאַטער דעם 21 מאַי 1938 בײַ דער פאָלגנדיקער פאַרטײלונג פון די ראָלן: קלמן בריק—י. יולין, דבורה—א. שערמאַן, באָרים—מ. מאַרקאָוו, פּײוול—בנציון ווײטלער, שײקע באָקסער—א. אײנעס, גנענדל—ש. ברעז, ציפקע—ח. קושנער, בעטי קליאַטשקאָ—נינאַ מאַליני, דרוק—מ. סוריץ, קריכער—י. שנײדער, ציגעלניק—מ. לעמבערג, בראַון—מ. טשינאַראָוו, מאַד—נ. שליט, ציגײנערין—ס. ווײנרעבע.

דעקאָראַציעס—ל. הערצמאַרק, דיריגענט—ב. טרויגאַט, סופליאָר—ר. סמאָרגאָנסקי.

ד ע ק ל

געצייכנט און געזעצט

פון י׳ פרידמאן

מיט באַסטעלונגען און אָנפראַגן וועגן אופּפּירונג די פּיעסע זיך ווענדן צום מחבר:

**T. EIDUS, Latvijā — Rīgā, Maskavas ielā 105, dz. 8.**